קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 239 ...כות ...פ"ה



## באר חנוך:

**הרב אברהם העניך פיעטרקובסקי שליט"א** | באקאנטער רב אין רמב"ם שפיטאל | מחבר פון שו"ת ספרים באר חנוך פארציילט איבער זיין רייכע היסטאריע און איבער זיין טיפע קשר מיטן ראש ישיבה שליט"א



## פון מאנהעטן קיין קרית ברסלב:

געבוירן און אויפגעוואקסן אין די רוישיגע מאנהעטן, אריבער וואוינען צו די רואיגע לעבן אין קרית ברסלב.

# אינטערן שאטן פונעם אייבערשטן

## צום פינטל:

ס׳דאכצעך... אז מ׳פארצעך... און מ׳טוצעך...

## קוק אהער:

טשארטער סומאטאכע

## פאר די ברסלב׳ע שטוב:

א דורכגעווייקטע סוכה

**קרית ברסלב בלעטל וואונטשט אלע חשובע ליינערס א פרייליכן יום טוב סוכות**

קרית ברסלב בלעטל

יו"ט סוכות תשפ"ה • 239

א גאסט אויף א ווייל 10



בעל מחבר באר חנוך! 32



א דורכגעווייקטע סוכה 67



8 וועלטליכע נייעס

9 אלץ און אלעמען

63 רעסעפי

81 געשעענישן

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ש. ל. פליישמאן
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס
**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
בערל שניטצלער
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
077.930.9648

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

מיר ווינטשן אייך א פריילכן יום טוב סוכות









SIMCHACARD.COM

# הזמנת כבוד

ברוב שיר ושבח להשי"ת שהחיינו והגיענו לזמן הזה, על כי בא מועד
קיום מצות זה קלי ואנוהו, על זאת שמחו אהובים וידידים ורוממו לקל,
שישו ושמחו במקבלי מתן נחליאל, נגיל ונשיש בזאת התורה
כי הוא לנו עוז ואורה, נזמין בזה השתא כל הקהל הקודש לבוא
ולהשתתף בשמחת התורה אצל

# חגיגת הכנסת
# ספר תורה

שנכתב לעילוי נשמת

רחל שמחה בת מו"ה יצחק מזרחי הי"ו

שנחוג אי"ה ברוב פאר והדר

**ביום א' חול המועד סוכות הבעל"ט**

**בשעה 5:00 וועט מען ארויסגיין פון**

*78 Huschke Rd hurleyville NY*

בתופים ובמחולות אנשים נשים וטף

**בשעה 6:00 וועט מען זיך וואשן**

**בסוכה של בית המדרש**

*181 Huschke Rd Hurleyville NY*

המצפה לקראת בואכם לשלום

## אברהם שבתי מזרחי

# בריוו צו די רעדאקציע

## איבערן צום פינטל פון ראש השנה בלעטל

לכבוד מערכת ברסלב בלעטל הי"ו.

די צום פינטל ארטיקל לכבוד ראש השנה איז געווען זייער שיין און שטארק, אבער איך פארשטיי נישט וואס דא גייט פאר מיט די שורה וואס איר שרייבט: "**דוגמה וועגן סטיוון ווייז דער יד ימינו פון פרעזידענט רוזוועלט פון די פאראייניגטע שטאטן איז געזיצן על סיר הבשר אין אמעריקע, און ארגאניזירט א פראטעסט קעגן היטלער ימ"ש ווייל ער איז געווען אין א פארזיכערטע פלאץ, פון דארט האט ער אויפגערייצט דעם בלוטיגער הונט פאר די רציחות וואס ער האט דורכגעפירט אויף אונזערע זיידעס.**"

איך וויל פארשטיין אזוי, די פראטעסט וואס איר שרייבט איז לכאורה די וואס איז פארגעקומען אין יאר 1933 אין מעדיסן סקווער גארדענס, דאס הייסט 9 יאר נאך וואס היטלער ימ"ש האט ארויסגעגעבן זיין פארשאלטענעם בוך 'מיין קאמף' אין 1925 וואס דארט שרייבט ער זיין פלאן אז מען דארף הרג'ענען אלע אידן, איז וואס זאגט איר אז ער האט אנגערייצט וועגן די פלענער זענען שוין געווען אפגעשריבן פולע יארן פריער.

צווייטענס וועגן היטלער ימ"ש איז געקומען צום מאכט, האט סטיוון ווייז ארגענעזירט אז מען זאל צוזאמנעמען אלע אידן זיי צו ווארענען וואס קומט, און אזוי ווי ס'שטעלט זיך ארויס איז ער ליידער געווען גערעכט.

איז וואס שרייבט איר אז סטיוון ווייז האט אנגערייצט? ווייז האט געווארנט! און טאקע א דאנק אים האט אמעריקע אריינגעלאזט צווישן 1936 און 1939 מער אידן וואס האבן געוואלט אנטלויפן פון אייראפע. (וואס איז סיי ווי געווען ווייט פון גענוג).

אין אנדערע ווערטער איר פארדרייט די פאקטן כדי עס זאל שטימען מיט אייער אגענדע וואס איר ווילט ארויסגעבן.

איז מיט וואס איז די בלעטל בעסער ווי די אלע אלגעמיינע צייטונגען וואס באשמוצן די אידן אז זיי זענען שולדיג אין אלעס, אז איר שרייבט נעמען מיט מעשיות ווי כאילו איר בויעט אויף פאקטן דארפט איר וויסן אז עולם איז נישט קיין גולם (חוץ די וואס ווילן ליינען נאר דאס וואס זיי ווילן הערן) און די פאקטן ווייזן אנדערש.

די אנטי ציוניסטישע באוועגונג איז געווארן אזוי ארויס פון פלאץ אז ס'איז ממש א שרעק, מען פארדאמט און מען שרייבט אויף וועם ס'לאזט זיך נאר אלעס אונטערן שירעם פון קנאות.

איך ווארט אויף א תשובה.

## תשובה:

א גרויסן שכח פאר אייער הגה. איז לאמיך אייך בעסער מסביר זיין; פון וועגן היטלער ימ"ש האט געשריבן זיין פארשאלטענעם בוך "מיין קאמף" איז אדורכגעלאפן פולע יארן ביז ער האט למעשה אויסגעפירט זיין פלאן. "מיין קאמף" איז נישט א זאך וואס ער האט פארגעשריבן אז אזוי גייט ער טון, דארט ברענגט ער ארויס די שנאה וואס ער האט צו אידן, און דאס איז טאקע אמת.

אבער קודם דארפסטו וויסן אז די ארטיקל האבן מיר געשריבן אחד מיני אלף אויפן שפיץ גאפל פון וואס עס איז דא צו שרייבן, ווייל אויב קענסטו אביסל היסטאריע ווערסטו זען אז די אלע זאכן וואס די שונאי ישראל האבן גענוצט קעגן אידן זענען געבויעט אויף וואס זיי זענען געפיטערט געווארן פון נישט קיין צווייטער ווי אונזער אויסלייזער, אונזער חוזה המדינה הערצל ימש"ו.

תאודור הערצל ימש"ו איז געבוירן אין 1860 און געפייגערט אין 1904, ער האט במשך זיינע יארן זייער שטארק פראבירט (אזוי ווי ער אליין שרייבט אין וועל דיר שרייבן מקורות בעזרת השם) נאכדעם וואס זיין פלאן אויסצושמד'ן כלל ישראל נאך פון וויגעלע, דאס הייסט נאך איידער זיי האבן די ווילן צו זאגן יא אדער ניין איז דורכגעפאלן, איז אים איינגעפאלן א צווייטער פלאן ווי ער שרייבט אין זיין דייערי (ערשטער טייל דף 16) בזה הלשון: **עס איז וויכטיג אז די ליידן פון די אידן זאלן ערגער ווערן, עס וועט העלפן צו דער פארווירקליכונג פון אונזערע פלענער, איך האב א גלענצדן געדאנק איך זאל אנרייצן אנטיסעמיטיזן צו ליקווידירן אידישע אייגענטומען, די אנטיסעמיטן וועלן ארויסהעלפן דערמיט, דארונטער וועלן זיי שטארקן די אונטערדרוקונג און רדיפות פון אידן, די אנטיסעמיטן דארפן זיין אונזערע בעסטע פריינט (עפ"ל).**

נאך שרייבט ער דארט: **אנטיסעמעטיזים וואס איז א טיף איינגעבויטעטער כח אונטער די געדאנקן פון די מאסן, וועט נישט שעדיגן אידן, איך האלט פאקטיש אז עס וועט ברענגן ניצן אויפצובויען די אידנס כאראקטער און ערציאונג פון די מאסן וואס וועט פירן צו אסימעלאציע, די ערציאונג קען בלויז פאסירן דורך ליידן, און די אידן וועלן זיך צופאסן דערצו (עפ"ל).**

אין אן ארטיקל געשריבן אינעם דייטשן צייטונג וואס איז געליינט געווארן דורך טויזענטער דייטשע בירגער שרייבט ער: **די**

**רייכע אידן געוועלטיגן אויף די וועלט, אין זייער הענט ליגט די גורל פון די רעגירונגן און הערשאפטן, זיי רייצן אויף לענדער איינע קעגן צווייטן, און אויף זייער באשלוס מאכן רעגירונגן שלום צווישן זיך, ווען די אידישע עשירים זינגען, דאן טוען די פעלקער און פירער טאנצן, און דערווייל ווערן די אידן רייך (עפ"ל).**

די צייטונגען ווי ער האט דאס געשריבן זענען געליינט געווארן דורך מיליאנען דייטשע גוים ובתוכם היטלער ימ"ש און זיין רעדאקטאר יוליעס שטרייכער ימ"ש דער רעדאקטאר פונעם שטירמער.

פון ווי האט היטלער ימ"ש גענומען זיין חומר, אויף וואס האט ער געבויט, קענסט אליין ציען מסקנות. אבער לאמיר נישט פארקריכן, די עיקר וואס מיר ווילן ארויסברענגען איז אז די עירוב רב זיי זענען אלץ געווען די גרעסטע שונאי ישראל, עס האט זיי גאר ווייניג געקימערט די ליידן פון אידן, דער עיקר איז געווען אז זיי זאלן האבן א אידישע שטאט ווי זיי זאלן קענען מאכן פארגעסן אידן איבער אידישקייט.

עס איז א טיפה מן הים פון די שנאה וואס ער האט געהאט צו אידן און צו אידישקייט, איך האב נישט קיין כח צו שרייבן אלעס, די בלוט קומט ארויף ווען עולם גולם שרייט וואס דארף מען רעדן אויף אידן.

נאך א זאך וואס איז וויכטיג דו זאלסט וויסן איז, זינט עס איז געשריבן געווארן "מיין קאמף" זענען נאך געווען פילע אפציעס אויפן טיש וואס וואלט געקענט ראטעווען אלע 6 מיליאן, ווי צום ביישפיל (פארטרייבן) שיינערהייט ארויסשיקן אידן קיין קאנאדא, צו קיין ארגענטינא וכדומה, וואס זיי האבן זיך גענויטיגט אין מענטשן וואס זאלן אויפארבעטן זייערע לענדער. צו פלענער וואס זענען געווען אויפן טיש צווישן עטליכע 20 רעגירונג פירער (פארראפן געווארן דורך די פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן) איבער דעם אז יעדע לאנד זאל נעמען א טייל פון די פארפלאגטע אידן אין אייראפא (איך רעד נישט פון די פלאן אז אוגאנדא זאל ווערן די אידישע שטאט וואס איז אויפגעקומען ווען עס האט אויסגעזען אז מען וועט נישט קענען באקומען פאליסטיין).

אבער די רשעי ישראל האבן אלעס ציניש געמאכט, ווייל אויב וועט די אידישע ליידן זיך אויפהערן, און זיי ווילן פליכטן צו ארויסגיין פון אייראפע אדער צו אנדערע לענדער דאן וועט קיינמאל נישט געגעבן ווערן פאליסטיין פאר אידן, און מען וועט נישט קענען אויס'שמד'ן כלל ישראל. צו ווען מען האט שוין געהאלטן אינמיטן פארטיליגן מילינען אידן, איז מען געווען אין קאנטעקט מיט העכסטראנגיגע דייטשע פירער מיטן פלאן אויסצוקויפן אידן זיי פירן קיין שפאניע (אז איר ווילט ווערן מיר ברענגען מקורות), און עס איז מיט אלע דריידלער און שפיצלער אפגעווארפן געווארן דורך אונזערע אויסלייזער. אדרבה ליין אביסל היסטאריע, נישט וואס זיי האבן צענזורירט, און פארהערליכט, דאס זענען רוצחים וואס זענען נאכנישט געווען.

קוק איינס פון זשאבאטינסקי'ס פערל ווערטער: **איך בין א ציוני אן קיין צווייפל, ווייל דאס אידישע פאלק איז א שלעכט פאלק, זיינע שכנים האבן אים פיינט, און זיי זענען גערעכט (עפ"ל).** פיל פון זיינע אנטעסעמיטישע ווערטער קענסטו טרעפן ציטירט פון צייטונגען ווי ער האט געשריבן (הארץ אין די אנהייב 1900 יארן)

און וואס בן גריון ימ"ש האט גערעדט (שוין נאכ'ן קריג) ביי די כינוס הציוני העולמי, לאנדאן, (פונקטליכע דאטום פעברואר 2 1945): **שגה העם היהודי בהאשימו את האנטישמיות בכל הצרות והתלאות שבאו עליו בגולה. זה אחד הסנוורים שבהם לקה העם היהודי בנכר. כלום יכול וצריך כל העולם לנהוג כלפינו כמלאכי השרת?**

**ואנו, השונים מכל עם ולשון, השומרים בקשיות עורף מתמיהה ויחידה במינה על הליכותינו ומידותינו ואמונתנו והרגלינו המיוחדים, ומסרבים זה מאות בשנים להינזר מהשוני המרגיז והמחשיד, המפלח בינינו ובין כל העמים שבתוכם אנו יושבים – דווקא אנו מניחים שאחרים יבינו לרוחנו, יפיקו רצוננו, יקבלו אותנו באהבה ובאחווה, ואם אינם עושים זאת אנו כועסים ומתריעים על רוע לבם וקוצר הבנתם, רשעתם ודפיים.**

**לא רשע וסכל של הגויים שאנו קוראים בשם אנטישמיות – אלא מעמדנו המשונה שאינו הולם את מסגרת חייהן התקינים של אומות העולם הוא בעוכרינו, והאנטישמיות מהי כי נלין עליה? (עפ"ל)**

יא! קוק גוט אן די ווערטער, און ווען די גייסט קומענדיגע מאל אריבער (אין די איזרעילי עירפארט) דעם שמייכלדיגען סקאלפ פון דעם רשע, אנשטאט נתפעל ווערן פונעם ריזיגע מזוזה, און די מעשענע מנורה דארטן, זאלסטו אים פרעגן: פארוואס האסטו אזוי פיינט געהאט אידישע קינדער, פארוואס האסטו אויפגערייצט א וועלט קעגן אונז?

קוק דאס וואס זייערע שרייבער שרייבן איבער אונזערע טייערע הייליגע רבנים און רבי'ס, ווי **פאראזיטן אויסניצער, צוגיינער אפפאל אוממענטשטן, פארווינדעטע הינט, מיר האבן**

# בריוו צו די **רעדאקציע**

**שטענדיג געלעבט א לעבן פון ציגיינער און הונט, וואס ווילט איר פון די אנטיסימיטן פארוואס זאלסט איר נישט ווילן פארשטיין דאס פארשטענדליכע (עפ"ל יוסף חיים ברענער ימ"ש).**

**די קטוילישע גלחים זענען אויף די העכסטע שטופע וויבלאד זיי זענען נישט אזוי גלידטוג נאך געלט, די איינפאכע קריסטן זענען בעסער ווי די אידישע רבנים. (עפ"ל הערצל ימ"ש)**

נאך פון דעם גרין ימ"ש: **די וועלט קען מיך אנקוקן אלס אנטיסעמיט אבער איך מוז עס זאגן מיר שטיקן זיך פאר בושה פון די אידן אין דייטשלאנד פוילן און אמעריקא, מיר באלאנגן נישט צום אידישן פאלק מיר טוען רעוואלירין קעגן אזא אידישן פאלק, מיר ווילן נישט זיין אזעלכע אידן (עפ"ל).**

אזוי זענען זיי אלע געווען ליידער, זיי האבן אונז פארמיאוסט ביי די פעלקער.

און יעצט לגבי סטיוון ווייז וואס איז ארויס מיט א פראטעסט און א בויקאט אנטקעגן דייטשלאנד, דאס איז נאך פון די קליינע עבירות פון די ראשי העירוב רב, נישט אז דאס האט געמאכט אז הילטער זאל אפמאכן אויסצו'הרג'ענען אידן, אבער דאס האט אונטערגעהעצט די מצב, דאס בויקאטירן די דייטשע פראדוקטן דורך 55 טויזענט אנגעפרעסענע אמעריקאנער דא מעבר לים, ווייט פונעם לאגער פונעם שונא, מיטן גוטהייסטונ'ס פון סטיוון (אפווארפענדיג די געבעטן פון די דייטשע אידן וואס אז מען זאל זיך נישט רייצן מיט דעם שלאנג ימ"ש) האט געברענגט באלדיגע רוזאלטאטן ווען די דייטשע וועלף האבן באלד דערויף ארויסגעשטעלט די ערשטע בויקאט אויף אידישע פראדאקטן אין דייטשלאנד, יא! דאס איז געווען דער ענטפער פון די דייטשע הונט, צו די רוף פון די אמעריקאנער ביטע 'היטלער מיר זענען גרייט אויף מלחמה!'

וואס הייסט פארדרייט פאקטן? שומו שמים! די גאנצע קריג "קעגן אידן" איז געווען ווי אן אנטווארט צו חיים ווייצמאן ימ"ש'ס, דער פארשאלטענער זעלבס געקרוינטער "פרעזידענט פון די אידן" ווי ער האט דערקלערט אז אידן זענען אין א בונד קעגן היטלער, און אויף דעם האט דער אשמדאי געזאגט "אידן האבן דערקלערט קריג קעגן אונז."

וואס רעדסטו בכלל? עס איז נישט דא קיין ווערטער בכלל ארויסצוברענגן די שנאה וואס די רשעי הציונים האבן געהאט צו אידן.

דאס איז די גרונד פרינציפן פון מדינת ישראל 'לאז אויס'הרג'ענען גאנץ כלל ישראל' אבער ווי העלדן ווי איידער זיך פירן אויף די תורה'דיגע וועג פון זיך מכניע זיין און אונטערגעבן.

זיי קענען היינט אפשטעלן די בלוט פארגיסונג אויב זיי זענען מסכים צו טוישן זייערע פרינציפן, אויב זיי זענען גרייט צו טון דאס וואס יעקב האט געטון זיך מכניע געווען.

אוי וויפיל אידיש בלוט וואלט ווען נישט פארגאסן געווארן ווען נישט די פארשאלטענע מדינה, ווי קען א מענטש זיין אזוי דום און שרייבן אז אינעם ארטיקל שרייבט מען קעגן אידן, וואס אידן ווען אידן, ווען דו זאלסט נאר זען וואס זיי האבן מפקיר געווען אידיש בלוט וואלסטו נישט געזאגט אויף זיי אידן, זיי זענען נישט מזרע ישראל, סטיפן ווייז איז מזרע ישראל? הערצל איז מזרע ישראל? א איד קען אזאנס טון צו אן אנדערע איד? כל שכן ארייַנלייגן אין א סכנה גאנץ כלל ישראל! ווי איז דיין שכל פארלוירן געווארן, דו זאגסט אז די ביסט נישט קיין גולם, איך ווייס נישט וואס דיך אנצורופן, ווי קענסטו שרייבן "די אנטי ציוניסטשע באוועגונג איז געווארן אזוי ארויס פון פלאץ אז ס'איז ממש א שרעק" א שרעק וואס? א שרעק ווי? א שרעק איז אז א איד מיט בארד און פיאות קען אזאנס שרייבן.

עס איז נאכנישט געווען אזא טומאה אויף די וועלט, עס איז א באוועגונג? אז עס איז דא א גאנצע לאנד מיט אידן וואס מען שמד'ט זיי אויס יעדן טאג, מיליאנען קינדער זאגן נישט קיין שמע ישראל, און אז איינער שרייבט אפאר אמת'ע פאקטן איבער די רשעים רוצחים, הייסט דאס אן אנטי ציוניסטישע באוועגונג, הלואי זאל זיין אזא באוועגונג, אלעס איז היינט לצנות אויף לצנות, איך מיין אז איינער וואס האט נאך א טראפ א פינטל אידישקייט אין זיך, שטייט אויף יעדן טאג און בלוטיגט אויף די מיליאנען קינדער וואס מען לאזט זיי נישט זאגן שמע ישראל, וואס מען באצווינגט זיי צו ניאוף און רציחה.

עס איז פונקט פארקערט ווי דו שרייבסט, די ארטיקל שטייט נישט קעגן אידן, עס ווערט ארויסגעברענגט די לימוד זכות וואס אידן זענען פארקויפט געווארן קעגען זייער רצון, צו די שונאי ישראל טאג נאך טאג, כי נמכרנו אני ועמי להשמיד להרוג ולאבד, און ווער עס זאגט אויס דעם אמת איז א אנטי-ציוני?

איך האף עס איז אביסל קלארער געווארן.

**א כתיבה וחתימה טובה**

בס"ד

# הארציגע רוף!

## לכבוד אחי ורעי, חשוב'ע אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר, ה' עליהם יחיו

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האלטן ביי מיר ביים ענדע יאר תשפ"ד, אנהויב יאר תשפ"ה הבא עלינו לטובה, מיר דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר האבן געהאט דעם יאר די זכי' צו ברענגען פאר אנשי שלומינו און פאר די וועלט נאנט צו **1,700 בריוון** וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן מיט מסירות נפש, פארן כלל און פארן פרט, אונז צו מחזק זיין און מחי' זיין אין אלע הינזיכטן.

די בריוון זענען געדרוקט געווארן יעדן איינציגסטן וואך פונעם יאר אין א הערליכע קונטרס אין אידיש און אין לשון הקודש, אין דעם איז אויך אריינגערעכנט די **קינדער עצתו אמונה, א מעשה מיט א בילד**, וואס אין דעם ליגט אסאך הארעוואניע און שווערע ארבעט דורך די חברי המכון, אז עס זאל קענען ארויסקומען יעדע וואך א קונטרס, צו די צופרידנהייט פון אנשי שלומינו שיחיו.

מיר האבן בעז"ה די יאר ארויסגעגעבן **50 קונטרסים**; אין דעם איז אריינגערעכנט צוויי קונטרסים ליקוט מכתבים, וואס זענען באזונדער ארויסגעקומען **לכבוד יום טוב פסח**, א הערליכע ליקוט פון 22 בריוון, אויסגעשטעלט לויט די סדר הא"ב, אויף ענינים שונים. און א **קונטרס לכבוד יום טוב שבועות**, 22 הערליכע בריוון, אויסגעשטעלט לויט די סדר הא"ב, איבער דאס די גרויסקייט פון לימוד התורה, והמסתעף.

ווי אויך איז ארויסגעגעבן געווארן דורך די מכון, **תורה ד'** פון ליקוטי מוהר"ן מיטן פירוש שפתי תפתח אויף אידיש פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס איז געווארן גרונטליך איבערגעקוקט און איבערגעלערנט דורך די חשוב'ע כולל אינגעלייט שיחיו, מיטגלידער פון כולל שפתי תפתח וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט אוועקגעשטעלט.

אויך האט די מכון ארויסגעגעבן די יאר ספר **עצתו אמונה חלק ט' און חלק י'**, וואס איז געווארן מוגה דורך אנשי שלומינו שיחיו, און געדרוקט געווארן אין אן הערליכן אויסשטעל אז ס'זאל זיין געשמאק צו לערנען.

### פראיעקטן אויף וואס די מכון ארבעט יעצט, בעז"ה:

- **עצתו אמונה חלק א';** אזוי ווי עס איז שוין ארויסגעגאנגען די ספרים פונעם ערשטן דרוק, איז די מכון אריינגעשפרינגען צו מגיה זיין נאכאמאל און איבערדרוקן דעם ספר פון פריש.
- **עצתו אמונה חלק יא';** אזוי ווי די פריערדיגע חלקים גרייט זיך די מכון ארויסצוגעבן נאך א חלק עצתו אמונה וואס ווערט מוגה דורך א חשוב'ע שטאב פון אנשי שלומינו וואס זענען זיך מתנדב שלא על מנת לקבל פרס ארויסצוהעלפן דרוקן דעם הייליגן רבינ'ס ספרים.
- **איש אמונות תש"פ - חלק א';** א הערליכע ספר וואס ענטהאלט די בריוון פונעם ראש ישיבה לויט די צייט ווען עס איז געשריבן געווארן. דער ספר איז שוין געווען גרייט צו שיקן אויסצושטעלן און פון דארט צו דרוקן, אבער דער ראש ישיבה האט געבעטן אז מען זאל מאכן די אותיות אביסל קלענער, דאס מיינט אז עס קומט צו אסאך מער בריוון וואס מיר האבן מיט א שנעלקייט מגיה געווען, און עס גייט שוין אט אט צום דרוק, בעז"ה.
- **ליקוטי מוהר"ן מיטן פירוש שפתי תפתח תורה ה';** דאס ווערט יעצט איבערקוקט דורך די חשוב'ע כולל אינגעלייט זיכער צו מאכן אז עס איז גרינג און לייכט צו לערנען מיט א קלארקייט.
- **מעשה'לעך פאר קינדערלעך 3;** מען ארבעט יעצט ארויסצוגעבן נאך א חלק פון די הערליכע מעשיות וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט פאר קינדער, אינאיינעם מיט די אויגפארכאפנדע הערליכע געמאלענע בילדער.
- **מעשיות פון צדיקים 2;** נאך א קונטרס פון די מעשיות פאר קינדער, געאייגנט פאר מפיצים.

מכון עצתו אמונה ארבעט שווער ארום דעם זייגער צו קענען פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'ן אויף דער וועלט דורך די עצות און לימודים וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז. דאס אלעס איז נאר שייך מיט אייער הילף, אן די שטיצע פון אנשי שלומינו וואלטן מיר גארנישט געקענט ארויסגעבן, מיר האבן אסאך פלענער פאר די קומענדיגע יאר מיטן אייבערשטנ'ס הילף, אלעס ווענדט זיך אין דעם וואס אנשי שלומינו העלפן אונז ארויס מיט געלט און שטיצע.

ביי דעם געלעגנהייט ווילן מיר זיך באדאנקען פאר די חשוב'ע אנשי שלומינו וואס געבן זיך אוועק שלא על מנת לקבל פרס ארויסצוהעלפן דעם מכון אין פארשידענע הינזיכטן. מוה"ר יודא לייב ווייס הי"ו, וואס געבט זיך אפ יעדע איינציגסטע וואך צו מנקד זיין די וועכנטליכע קונטרס עצתו אמונה מיט א זעלטענע געטריישאפט, אן קיין פרסום, און אזוי אויך די ספרים וואס מיר געבן ארויס. מוה"ר שמעון עוזר פערל הי"ו, וואס געבט זיך אפ וועכנטליך אויסצושטעלן דעם קונטרס אין א הערליכן פארמאט. מוה"ר בערל שניטצלער הי"ו, וואס העלפט ארויס די מכון מיט אלע גרעפיקס און מארקעטינג. מוה"ר אשר יעקב בלום הי"ו, מנהל קרן הדפסה, וואס העלפט אונז ארויס מיט אלעס וואס קרן הדפסה קען נאר העלפן, מוה"ר נחמן ניישטיין הי"ו, וואס שטעלט אויס דעם ליקוטי מוהר"ן מיטן פירוש שפתי תפתח.

די חשוב'ע שטאב פון מגיהים וואס זענען מגיה די ספרי עצתו אמונה, איש אמונות, א. א. וו.

די חשוב'ע כולל אינגעלייט וועלכע זענען מגיה דעם אידישן פירוש שפתי תפתח, הרב אלי פערל שליט"א, הרב אלחנן רוטה שליט"א, הרב לוי יצחק הורוויץ שליט"א, הרב אשר הכהן ראנד שליט"א, הרב יואל פריעדלענדער שליט"א, הרב שרגא הכהן שטראססער שליט"א, הרב יחזקאל שארף שליט"א.

**העלפט אונז ארויס מיט אייער ברייטע שטיצע, וועלן מיר ווייטער קענען ארויסגעבן ספרים פון הייליגן רבי'ן ביתר שאת וביתר עוז, בעז"ה.**

מיר ווינטשן פאר אלע אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר א גמר חתימה טובה, און א פרייליכן יום טוב

יואל שניצלער
מנהל

ישעי' איידלים
פאנדרעיזער

שמואל אייכנשטיין
פאנדרעיזער

מכון עצתו אמונה

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

פאלגנד איז די אויסוואל פון **זכותים** וואס איר קענט זיך אויסוועלן

## שם מהדורה

פון א ספר

**$5,000**

מ'קען דאס צאלן צוביסליך,
עס קומט אויס $420 א חודש
$105 א וואך

## זכות

אין א ספר

**$500**

דאס קען מען צעטיילן צו
א מינימום פון 50 דאלער א
וואך, דורכאויס צען וואכן

ביטע זיך ווענדן צו
ר' ישעי' איידלים הי"ו
347.831.1391
אדער צו
ר' שמואל אייכנשטיין הי"ו
917.589.3382
מיט אייער נדבה

# וועלטליכע נייעס

**גרשון קרעמער**




## איראנע באמבעס צום צווייטן מאל

ערב יום טוב ראש השמה איז אריינגעקומען א באריכט פון ארץ ישראל איבער הונדערט אכציג באליסטישע מיסלס וואס זענען געקומען צו פליען, וואס האט אלעמען אריינגעטריבן אין די שעלטערס זיך צו באשיצן פון די באמבעס.

עס זענען דורך עטליכע מינוטן פון שרעק ווען די ליפן שאקלען זיך מיט א תפלה צום אייבערשטן אז דער ער זאל שיקן זיין שמירה אויף אידישע קינדער, און קיין שום איד זאל חלילה נישט געשעדיגט ווערן.

דער אייבערשטער האט טאקע געהאלפן אידישע תפלות האבן געשפאלטן הימלען און טראץ וואס מען האט געהערט איבער גאנץ ארץ ישראל שטארקע קולות פון באמבעס וואס פאלן אראפ אדער וואס ווערן צושמעטערט אין די לופט, האט מען נישט געהערט פון קיין קרבנות פון דעם אטאקע, און מען דאנקט דעם אויבערשטן אז הקדוש ברוך הוא מצלינו מידם.

מען קען הערן געוויסע מענטשן זענען פארפאניקט און זענען דערציטערט, און קענען נישט פארשטיין וויאזוי מענטשן האלטן זיך רואיג, זיי זאגן "עטס זעטס נישט די וועלט ברענט?!", אדער "עטס זעטס אויס ווי די אידן פון אונגארן בשעת די צווייטע וועלט מלחמה", וואס האבן געמיטליך פארברענגט און אנגעגאנגען מיטן לעבן, זיי האבן געגעסן און געטרונקען, בשעת אין די דערנעבנדע פוילן האבן די נאציס רח"ל פארברענט אידישע קינדער על קידוש השם אין די קאלך אויוונס.

עס לוינט זיך נישט צו טענה'ן מיט מענטשן, אבער פאר זיך אליינס דארף מען ענטפערן, איך האב אמאל געהערט פון מו"ה יואל טייטלבוים שליט"א, **"מיר דארפן דאנקען דעם אויבערשטן אז 'זארגן' העלפט נישט, ווייל מה-דאך יעצט ווען זארגן העלפט נישט זארגט מען זיך אזויפיל, ווען זארגן וואלט געהאלפן וויאזוי וואלטן מיר אויסגעזעען..."**.

אפשר קענען די פאניקער אונז זאגן וואס זיי ווילן פון אונז, מיר גלייבן באמונה שלימה אז דאס וואס דארף פאסירן, וועט פאסירן, דער אייבערשטער פירט די וועלט, אלעס אנדערש איז נאר א פארשטעלאכטע, דער אייבערשטער באהאלט זיך אין די וועלט מיט אלע פאסירונגען.

וואס בלייבט איבער פאר אונז צו טון? לערנען און דאווענען. יעצט קען מען זאגן א ווארט צום אייבערשטן? "איראן סטראשעט..."', נאכאמאל, יעצט קען איך עפענען א משניות? "די עקאנאמיע איז ממש...", וואס ווילסטו פון מיר? האסט תפילין? האסט פיאות? "וואס זארגסטו פרעמדע זארגן?".

אנשי שלומינו האבן אריינגעכאפט ביים הייליגן רבי'נס ציון צו בעטן פאר אידישע קינדער אין דעם מצב, מיר זענען נישט געקומען קיין אומאן צו טרעפן מציאות אויף פושקינא, אדער אויף אפצוציילן וויפיל זיצן דער אדער יענער קלויז האט, א גאנץ יאר ווארט מען דערויף, מ'איז אריינגעטאנצן אין מקוה, געגעבן א פרוטה לצדקה, געכאפט דעם שאטל צום ציון, נישט געקוקט אויף קיינעם, יענער מעג האקן, ער מעג זינגען, און דער מעג טאנצן, געעפנט דעם תיקון הכללי, נישט געקוקט צי מ'האט געפילן, א קאלטע תיקון הכללי איז א תיקון אויף אלעמען. דערנאך געזאגט עטליכע ווערטער, געדאנקט דעם אויבערשטן אויף די מתנות וואס מ'האט באקומען.

זיכער האט מען געפועלט אלעס גוט פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל

**תחל שנה וברכותיה**



# דער קאמפיוטער קיבארד

## שאלה

*ווער איז אויפגעקומען מיט'ן קאמפיוטער קיבארד, און פארוואס איז עס פארדרייט און נישט אויפן סדר פון די אל"ף בי"ת?*

*מ. שווארץ*

## ענטפער

די מערסט אויפגעכאפטע סדר פון די קיבארדס רופט מען QWERTY (לויט די ערשטע קנעפלעך פונעם קיבארד) דאס איז אנטוויקעלט געווארן דורך אן אמעריקאנער פארשוין מיט'ן נאמען קריסטאפער לאטאם שולס, וואס האט אויך געמאכט דער ערשטער מאסן פראדוצירטע טייפרייטער מאשין מיט בערך 150 יאר צוריק.

די סיבה פארוואס ער האט געמאכט די אותיות פארדרייט איז בעיקר צוליב וואס ער האט געוואלט אפטיילן די אותיות וואס מען נוצט אפט איינע נאכן צווייטן אין ענגליש, אז זיי זאלן נישט זיין צוזאמען, ווייל די דעמאלטסדיגע טייפרייטערס פלעגן גרינג ווערן פארהאנקערט אויב מען האט צו שנעל געדרוקט צוויי קנעפלעך איינע נעבן צווייטן.

מיט בערך פופציג יאר שפעטער האט א איד מיט'ן נאמען ר' דוד יאנקלאוויטש וואס האט געהאלפן ערצייגן א אידישע טייפרייטער אויסגעשטעלט אונזער באקאנטער אידיש / לשון הקודש קיבארד. און אזוי ווי ביים ענגלישן סדר האט ער אויך בעיקר געזוכט אפצוטיילן אותיות וואס מען נוצט אפט אינאיינעם, אבער ער האט אויך געלייגט א געוויכט אז די אותיות וואס מען נוצט אפט זאל זיין אין צענטער און גרינג צו גרייכן, דערפאר זענען די אותיות "ו, מ, ה, א, י, און ע" אין צענטער, ווייל דאס זענען גאר אפטע אותיות אין אידיש און לשון הקודש.

ווען זאכן גייען אונז "שלא כסדר" זאכן זענען צומיש, עס גייט אונז נישט וויאזוי מיר ווילן, דארפן מיר געדענקען אז "שלא כסדר" איז "כסדר", פונקט ווי ביים קיבארד האט מען אויסגעשטעלט א צומישטע סדר, ווייל דאס איז פאר די טובה פון די באנוצער, כל שכן וכל שכן דער רבונו של עולם, וואס מיר האבן נישט די מינדעסטע השגה וויאזוי ער פירט די וועלט, קענען מיר האבן פארשטיין אז דאס איז די בעסטע פאר אונזער תכלית.

אידישע קינדער פרעגן נישט קיין קשיות, מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן "למה יאמרו הגוים", א גוי פרעגט פארוואס, און "אשרי העם, שככה, לו", וואויל איז פאר אידישע קינדער וואס זאגן אט אזוי. וויאזוי? אט אזוי. ווייל אז א איד גלייבט באמונה שלימה אז דאס וואס עס גייט דורך אויף אים איז פאר זיין טובה, דאס איז מעין עולם הבא, אזא מענטש קען נישט ווערן באשטראפט, ווייל וויאזוי עס זאל אים גיין, און וואס עס זאל נאר נישט פאסירן מיט אים, וועט ער אייביג בלייבן פריילך און צופרידן.

ווי דוד המלך דרוקט זיך אויס אין תהלים ווי ער שפירט זיך פארזיכערט אינעם הענט פונעם אייבערשטן "כגמל עלי אמו כגמל עלי נפשי", אזוי ווי א ניי געבוירן קינד אינעם שויס פון די מאמע.

דער עיקר דארף מען ווען מ'זאל טייפן אויפן קיבארד נאר גוטע זאכן וואס ברענגט נוצן פאר די ארבעט כדי צו ברענגן שפייז פאר די משפחה, אדער ניצט מען דאס כדי אריינצוברענגען דעם אייבערשטן אין די וועלט, דורך שרייבן און ארויסגעבן סחורה וואס קען דעליווערן א מעסעדזש אז "דער אייבערשטער פירט די וועלט", פאר די סארט זאכן דארף מען ניצן דעם קיבארד.



# א גאסט אויף א ווייל

לאמיר אייך
מיטטיילן מיין
באזוך אין
שטעטל אין
איינס פון די
שיינע שבתים
פארגאנגענעם
זומער תשפ"ד.



א ברסלב'ער ביסטו מיר געווארן?" טשעפען מיר די חברים די לעצטערע טעג, זינט איך האב אפגעראכטן א שבת אינעם ברסלב'ע שטעטל לאקירט אינעם ליבערטי' דערפל, און די דיבורים פונעם ראש ישיבה שליט"א האבן זיך טעוואס אנגעקלעבט אין מיר.

א באקאנטער - מיינער א גאנציריגער תושב ליבערטי - האט מיר אנגעקלונגען מיט אן הצעה, אזוי ווי דער טענענט וואס האט געוואוינט אינעם דירה אויף זיין צווייטע שטאק האט זיך יעצט ארויסגעצויגן און עס שטייט כעת ליידיג, לאדענט ער מיר צו פארוויילן א שבת אין זיין דירה, וועט ער נעמען אויף זיך מיר צו באזארגן מיט אשל מלא און וועט מיר צושטעלן א יום שבתון מיט אלע קליפערלעך.

מיין ענטפער איז געווען א צוויי'פאכיגער 'יא', איינמאל 'יא' פשוט פאר די געלעגנהייט פון שפענדן א שבת אויף די בערג, זיך אביסל אויסציען די ביינער און אטעמען פרישע בארג לופט. והשנית, והעיקר, בין איך פון נאטור אויס א נייגעריגער נפש וואס זייט איך האב געהערט פונעם אייגענארטיגע שטעטל, האב איך אלץ געטראכט עס אויסצושמעקן און זען פארוואס מען זאגט אז ברסלב'ע זענען פריילעכע פריינטליכע מענטשן און צוקוקן דאס אייגענארטיגע ווינקל פון דער נאנט.

אלזא האב איך נישט געטראכט קיין צוויי און ארויפגעשפרינגען אויף דעם געלעגנהייט צו אויסשפירן פונדערנאנט דעם קהילה און שטעטל און קלאר מאכן אלע מיינע ספיקות און צוזען פונדערנאנט דעם פאקטן אמת וועלכע איז פארשלייערט אונטער א נעפל פון ספיקות, און באשטעטיגט מיין פאזיטיווע אנטווארט צום באקאנטער מיינער אז מיטן אייבערשטנס הילף וועלן מיר אפרעכטן דעם שבת הבעל"ט אינעם עיר הבירה ליבערטי.

נאכן אהיימקומען פונעם שבת מיט פולע באגאזשן האב איך זיך פארשריבן אייניגע אבזערוואציעס און נאטיצ'לעך פון דעם אייגנארטיגע איבערלעבעניש.

לאמיר אייך ברענגען א לעבעדיגע גריס פון אונזערע אידישע ברידער אינעם ווייט פארווארפענעם עקזיט ...102.

## ויסען מקרית יואל

פאר די וואס ווייסן נישט, איך בין מאז ומקדם גאר א שטארקע אנהענגער אין "מעסוירע", יעדע זאך פרוביר איך צו טון פונקט אזוי ווי איך זע ביים טאטן און קיין חכמות און דריידלעך, "חדש אסור מן התורה!".

צוליב דעם האב איך קלארגעשטעלט אין שטוב אז די שפעטסטע צייט צו ארויספארן וועט זיין כחצות היום, אזוי האב איך געזען ביים טאטן לאיוש"ט. דאס איז כבוד שבת און איז אזוי אויך פראקטיש גערעדט, נעמענדיג אין באטראכט אז איך וויל זיך נאך אביסל אומקוקן אויפן ארום בעפאר דער שבת פאלט צו.

און טאקע צוליב דעם זעלבן צוועק פון "נישט משנה זיין קיין זיז כלשהוא" האב איך זיך דערזען הארט נאך דריי אזייגער אין א גוטע שעה פארלאזן די קרית יואל'ע גאסן אויפן וועג צום ניו יארק'ס "זיבעצנטער" שאסיי וואס וועט מיר פירן מיטן אייבערשטנס הילף צו מיין געגארטע דעסטינאציע. פונקט אזוי האב איך טאקע געזען אינדערהיים...

אין א גוטע שעה האב איך געזאגט? אביסל אינטערגעשעצט. דער נעוויגאציע אפאראט לאזט מיר וויסן אז הערשט "אין א גוטע שעה אנדערטהאלבן" וועלן מיינע רעדער קענען קושן די ליבערטי'ע ערד... ווייט אויס אז אנדערש ווי איך האב געקלערט בין איך נישט דער איינציגער צו פארלאזן די געדעכטע שטאטישע לופט און אנטלויפן צום בערגיגן גן עדן... זעט אויס אנצוקומען קיין ברסלב דארף צוגיין מיט "מניעות"... נ'שוין, העמיר דאס אויך מקבל זיין באהבה און דער וועג איז ברוך ה' אריבער מיט א רואיגקייט.

## לעמאנעיד סופערמארקעט

נאכן זיך אויסציען די ביינער, אויספאקן די געפעק, און א געשמאקע טועמיה צוגעשטעלט דורך מיין בעל אכסניא, איז העכסט צייט צו כאפן א בליק וואס אזוינס טוטצער אין שטעטל. מיין ערשטע סטאנציע איז פארשטייט זיך אינעם לעמאנעיד סופערמארקעט וואס שטייט אגאנץ קיילעכיג יאר צום דינסט פון די ארטיגע תושבים.

א פולע פארקינג לאט איז מיר מקבל פנים, טוטצער דארט אפ א קיבוץ גליות פון אלע קעמפס און קאנטרי"ס, אונז האמיר דא פון אלע צוועלף שבטים. פון חסידישע בחורים, ביז אמעריקאנע בויטשיק'עס וואס מען דארף שטארק אריינזאאמען צו באמערקן דעם קאפל צווישן די האריגע כוואליעס, און אלעס אינדערצווישן.

א כאפטע פון באבערדלטע שקצים אנגעטאן מיט לימאנאדישע טי-שירטס לויפן ארום פארסאפעט מיט באקסעס אויף די פלייצעס. די מצב קוקט אויס גוט, אנגעקומען אין די ריכטיגע צייט.

איך שטעל מיינע טריט אינעם גראסערי אריין, ברייטע איילס, כלערליי פראדוקן ממינים שונים, כ'מיין אז ער האט זיך נישט וואס צו שעמען פון סיי וועלכע סופערמארקעט אין קרית יואל. דער ציבור דרייט זיך ארום מיט אנגעהויפנטע וועגעלעך און פאקט מכל הבא ליד, אינדערזייט זע איך א חסידישע יונגערמאן שטייט און גיבט זיך אפ מיט די קאסטומערס צוווייזנדיג וואו אלעס איז פלאצירט, א שיין מקום דאס...

גאנץ שנעל רעאליזיר איך אז די טערמין "סופערמארקעט" איז היבש אינטערגעשעצט ווען עס קומט צו דעפינירן דעם פלאץ. דו קענסט דא איינקויפן "אלעס" וואס דו דארפסט נאר, פון סושי ביז קארפעטס, פון פארמעסי פראדוקטן ביז אנדערטהאלבן אינטשיגע פלייש שטיקער, שאוולען, ביגלאייזן ברעטער, טשאקלעד טרעיס, פריש געשניטענע פרוכט. בקיצור, עפעס אזא כל - בו סטיל געשעפט.

אינדערזייט שטייט א טישל מיט ליידיגע הערינג שיסלען און אייער קיכל ברעקלעך, זעהט אויס אזא טעסטינג סטעישאן, שוין, נישט פארכאפט צו טרעפן עפעס שיריים פאר מיין נשמה, קומענדיגע מאל וועליך דארפן קומען פריער.

זיך דרייענדיג צווישן די איילס טרעף איך אן א באקאנטן פנים, א קרית יואל'ע בחור מיט וועם איך קען זיך, דרייט זיך ארום מיטן טלית קטן... "ס'טוצער, ביסט אויך דא אויף שבת?" "נעע" קומט זיין ענטפער "כ'בין פשוט אהערגעקומען 'טשילן' אביסל..." סענייעס... וואו איז מיין קאפ געווען אלס בחור... וואס איז מיר נישט איינגעפאלן דעמאלטס אז פארן אנדערטהאלבן שעה אהין און צוריק און זיך דרייען אין א גראסערי פאר א שעה צייט קען גאר זיין א געשמאקע "טשיל"... א חידא סתומה... ענדזשוי'דעך! זיי מיר געזונט.

אויב האב איך פאר א קורצע רגע'לע פארגעסן אז איך געפין זיך יעצט אינעם הארץ פונעם ברסלב'ן הויפטשטאט, קומט שנעל א דערמאנונג אין פארעם פון א יונגערמאן מיט א פאק קונטרסים אין די הענט. ער זאגט מיר ער קלויבט צאם צדקה פאר משפחות. ער קוקט מיר אויס צו זיין דעם ראש ישיבה'ס א זון א גאר איידעלער אינגערמאן מיט שווארצע זאקן, איך האב אים געגעבן אלע מיינע טשעינדש וואס זאמעלט זיך שוין אן זייט איך האב געהערט אז איינער איז נתעשר געווארן דערפון, איך האב גענומען א קונטרס פון אים און אריינגעפאקט אין מיין וועגעלע.

למעשה נאכן הערן פון מיין בעל אכסניא אז ער האט אלעס צוגעשטעלט פון אלף ביז תיו "דו וועסט מיר

> **אלזא האב איך נישט געטראכט קיין צוויי און ארויפגעשפרינגען אויף דעם געלעגנהייט צו אויסשפירן פונדערנאנט דעם קהילה און שטעטל און קלאר מאכן אלע מיינע ספיקות און צוזען פונדערנאנט דעם פאקטארן אמת וועלכע איז פארשלייערט אונטער א נעפל פון ספיקות**

באליידיגן אויב דו קויפסט עפעס איין" איז געבליבן אז כ'וועל זיך באגנוגען מיטן קויפן עפעס ליין מאטריאל, פאר ווען/אויב ס'וועט זיך מאכן ליידיג צייט.

א שווערע דילעמא איז אנטשטאנען וועלכע'ס מאגאזין וועט זוכה זיין צו לאנדן דעם שבת אינטער מיין קישן. צווישן די מאגאזינען באמערק איך ווי צווישן די פילע פנימ'ער פון די רבנים אויפן אויבן אן פון די מאגאזינען שטארט ארויס א בילד פונעם ראש ישיבה שליט"א פון דער שטארק אויפגעכאפטע 'קרית ברסלב בלעטל' זעט זיך אויס אז דא איז דער איינציגסטע געשעפט אויפן כדור העולם וואו עס ווערט ארויסגעלייגט איניג מיט יעדן צום פארקויפן.

## דער באזאר

א פארדומפטן נאסן קעלער, די ריח שלאגט אין די נאז לעכער, די שטויביגע תושבים זענען מכניס אורח די שרצים אלס אנגעלייגטע געסט, אויסגעווארפענע קליידער און זאקן, קראקס נעבן סטרעטשיס, א ערוב סטיל געמיש פון קאלירן, סייזעס, און אויפגעריסענע פלעסטיק בעגס, די נערוועזליכע באבע ביים רעכן מאשינדל סטראשעט צו שפארן, "יונגערמאן דו ווילסט עפעס קויפן"?... אט די בילד האט זיך מיר אויסגעמאלן אין קאפ ווען מיין ווייב האט פארגעשלאגן צו אפשטאטן א באזוך אינעם לאקאלן באזאר און כאפן א בליק אויף די שפאט - ביליגע מציאות. למעשה נאכן זיך איינבעטן איז געבליבן אז מען וועט גיין כאפן א שנעלן בליק אויפן סיטואציע.

א טיפן צי אריין מיטן נאז, און היידא! אריינגעקלאפט דעם אדרעס אינעם מאשינקע און מ'פאר'מיר אהין.

איך קום אן צום אנגעגעבענעם אדרעס, און איך טרעף זיך אין א שיינעם לופטיגן רחבות'דיגן צימער, צימער? עטליכע צימערן. הערליך מסודר'דיגע רעקס, שיינע סחורה, א גאנצע סעקשאן פון ברענד ניו זאכן נאך אינעם אריגינעלן פעקעזשינג, די אנדערע זענען שיין איבערגעפאקט ווי ניי. מיין ווייב דרייעט זיך ארום ממש פארגאפט פונעם אויסוואל וואס אנטפלעקט זיך, פרייזן נענטער צו בחינם, ממש א פאנטאזיע...

א ריזן סעלעקציע פון דא ביז אויס. אינגל'ישע, מיידל'ישע, ערוואקסענע פרויען, בעבים, שיך אין אלע מאסן און סטיילס. אינדערזייט ליגט א פושקע פאר די געלט. אויפן טיר הענגען עטליכע בעגס פון פרישע אינווענטארי "נאר זאכן אין גוטע צושטאנד שיין פארפאקט" בעט דער מודעה דערנעבן. דער באזאר איז פינאנצירט און געפירט דורך די מוסדות מיטן איינציגן ציל צו קענען ארויסהעלפן די ארטיגע איינוואוינער לעבן אויפן איינגעהאלטענעם שטייגער.

מיין ידיד ווייזט מיר אן אויף זיינע קינדערס בגדים "אלעס קומט פון באזאר"... אומגלויבליך, אומגלויבליך...

דערנעבן איז דא א שיינע גרויסע לופטיגע קיאסק פאר די תושבים, דאס מיט די טיקעטס קיין אומאן זענען לכאורה די איינציגסטע זאך וואו מען האט נאכנישט באוויזן צו שניידן די שווערע קאסט פרייזן...

## א טבילה לכבוד שבת

דער זון דערנענטערט זיך שוין מיט שנעלע טריט אין ריכטונג פון די בערג אויף מערב, צייט צו גיין כאפן א טבילה און זיך גרייטן צו אויפנעמען דעם שבת המלכה. אויפן וועג קוק איך זיך אום אויף די הייזקעלעך, איך פארביי פופציג יעריגע הייזקעס מיט האלב אפגעשיילטע ווענט, פאר אנדערע זע איך איז יא באשערט צו וואוינען אין הערליך גרויסע הייזער ארומגענומען מיט ברייטע באגרינטע שטחים, ווי איך הער האבן די איינוואוינער געצאלט א

שיבוש פאר דיזע פאלאצן, טייל אזוי ביליג ווי צוויי-דריי הונדערט קעי. פאר א נישטיגע זעקס טויזענט סקווער פוס. מיין הארץ גייט אויס פאר קנאה פון די באשיידענע שיינע לייף סטייל...

דער אויטא מיינער סטראגעלט אינעם קאמף צו אנהאלטן סטאביליטעט ווערנדיג צושאקלט פון די גראוויטי' שלעפ - כוחות וואס שאפט זיך ביים שנעל פארן אויף די שמאלע געדרייטע געסלעך, א בארג ארויף און גלייך נאכדעם אראפ, יעצט צוריק ארויף און וואס נאכדעם? יא, האסט צוגעטראפן, אראפ מיט א שנעלקייט. ענדליך דערזע איך מיך ביים ביהמ"ד ב"ה מיט גאנצע - אבער צושאקלטע ביינער. גיימיר אין מקווה?

אקעי, גענדיגט מיט די ווערטלעך, מורם ורבותם איך מיין עס מיטן גאנצן ערנסטקייט. די מקוה איז פיצי! ווען איך זאג קליין מיין איך קליין! מיין שיבע קעטאנע מנהל'ס אפיס איז געווען דאפלט אזוי גרויס... גלייבצמיר כ'האב נישט קיין מושג וואו אין די וועלט איך גיי דא אריינפיטן, אפגערעדט מיין זעקל... איינעמס שעמפא האט פארלוירן קאנטראל און אויסגעוואשן מיינע בגדים'לעך בחינם... די וואסער האט שוין א צווייטער צוגעגאסן שפעטער, סתם א שאד ס'זאל בלייבן שמוציג... אההההה... כ'האב עס געמאכט. איך כאפ מיין האב און גוטס און יאג זיך ארויס פון שטח.

## קבלת שבת אינעם קליינעם ביהמ"ד

מיין גאסטגעבער האט מיר איינגעמאלדן אז קבלת שבת וועלן מיר נישט אפרעכטן אינעם צענטראלן שול, נאר אין איינע פון די קלענערע בתי מדרשים וואס איז "נאר" א צוועלעף מינוטיגער שפאציר פון זיין היים ווי עס ווערט גערופן 'בית המדרש אשר בנחל'. "דער שטעטל" איז ער מיר מסביר, איז נישט לימיטעד צו איין איינגעצוימטן שטח וואו מען דארף פארבויען קעפ אויף קעפ, נאר דער ציבור וואוינט אויסגעשפרייט אויף א ריזיגע מרחק. ווען איין געגנט ווערט ענג גייט מען גלייך ארויס צו נאך א געגנט, אזוי ארום קען מען האלטן די דירות מארקעט נידריג, ווייל אויב וועט עמיצער פרובירן זיך איינהאנדלען שטחים און ארויפציען די פרייזן, וועט נישט נעמען קיין ווײלע און דער עולם וועט קויפן ערגעץ אנדערש, ווען יענער וועט בלייבן לעקיש.

ער זאגט מיר אז עס קען געדויערן לאנגע שעות צו דורכשפאצירן דעם גאנצן אידישן געגנט. דער שטיבל וואו מיר וועלן מקבל זיין דעם שבת איז איינס פון די זיבן קלענערע בתי מדרשות וואס זענען אויסגעשפרייט אין אלע ווינקלען.

געזאגט האט מען מיר אז מען דאווענט גאר פרי, "פערציג מינוט פארן זמן ברויך מען שוין זיין אין ביהמ"ד", אבער איך, טיפיקעל איך, האב זיך געטראפן פינף מינוט פאר די אנגעגעבענע צייט מיט די וואכענדיגע קליידער. א יאגעניש שטורעם איז אקטיוויזירט געווארן ארום מיר, מיט א שנעלקייט האמיר ארויפגעווארפן אויף זיך די שטריימל בעקיטשע, שיך און זאקן, עטוואס צוזאמגעכאפט די צושטרויבלטע פיאה'לעך, און זיך אריינגעזעצט אין מיין גאסטגעבער'ס קאר ווען ער פללללייייט מיטן גרעסטן שנעלקייט איבער די צובאמפטע ליבערטי'ע געסלעך.

קום איך אן צום ביהמ"ד פארסאפעט קוים כאפענדיג דעם אטעם. אההההה... כ'האב עס געמאכט. איימעניט, געמאכט וואס?? זיצן זיך זעקס יודעלעך מיטן גרעסטן רואיגקייט און לערנען זייערע שיעורים ווי שבת נאכן טשאלנט... (אדער ווי פרייטאג צונאכטס אויף די ביר, כ'געדענק שוין נישט פונקטליך) "אה" רופט איינער אויס מיט שמחה, "פונקט גוט אנגעקומען יעצט האמיר שוין אכט..." ווווואאאאאסס? פארדעם האבער מיר אויסגעיאגט די נשמה?! ניטאמאל די פיאות געמאכט... מיין ידיד האט מיר ערקלערט און בארואיגט אז געוועגליך האבן זיי נישט קיין פראבלעמען מיט מנין, וויבאלד אסאך אידן וואס דאווענען דא דורכאויס דעם ווינטער וועלן זומער - ווען דער ראש ישיבה איז דא - אראפגיין צום גרויסן שול דאווענען ברוב עם, ווידעראום זומער, קומען צו די זומערדיגע געסט וואס האלטן זיך אויף דערנעבן. די וואך וואס איך בין געווען איז מער אזוי בין יום ללילה ווען עס איז שיטערער.

למעשה האט נישט געהאלפן קיין זיך רעגן און קיין בלאזן, און געשטעלט האט מען זיך באלד א שעה שפעטער ווי אפגעשמועסט.

אינטערסאנט געווען צו באמערקן אז דער עולם דארט האט עס אנגענומען מיט א רואיגקייט און נישט פארפירט, א זאך וואס איך וואלט לכאורה נישט געזען ביינונז אין ביהמ"ד, עפעס קען איך זיך נאך לערנען פון זיי... איין יונגערמאן האט זיך גראדע יא מתמרמר געווען אז ער דארף נאך אדורכגיין א שטיקל וועלדל אויפן וועג אהיים און ער האט נאך געוואלט האבן עפעס ליכטיקייט ביים אהיימגיין, אבער ער האט עס אויך מקבל געווען באהבה...

איך קוק זיך אביסל ארום אויפן ציבור, איך באמערק געהויבענע ערנסטע אידן, אנדערע זענען מער צו דער באלבאטישע זייט, אבער ס'איז קלאר און מערקבאר די ברידערליכקייט וואס באהערשט די לופט, עפעס זעלטענע סארט אחדות וואס האלט זיי אלע צוזאמען מיט א נאנטשאפט, כולם אהובים כולם ברורים.

דער דאווענען איז אדורך זייער

> ווי איך הער האבן די איינוואוינער געצאלט א שיבוש פאר דיזע פאלאצן, טייל אזוי ביליג ווי צוויי-דריי הונדערט קעי. פאר א נישטיגע זעקס טויזענט סקווער פוס. מיין הארץ גייט אויס פאר קנאה פון די באשיידענע שיינע לייף סטייל...

געשמאק, אויפן נוסח וואס איך בין צוגעוואוינט. עטליכע אידן קאכן אריין אינעם דאווענען, און ביי לכה דודי זינגט יעדער צוזאמען די ווערטער, פאר א טויש. נאכן דאווענען האבן די מער לוסטיגע פרובירט צו אראנזשירן א שטיקל טאנץ לכבוד שבת.

נאכן דאווענען פארמירט זיך א געשמאקע קרעמל וואו מען דיסקוסירט מהנעשה והנשמע די פארגאנגענע וואך. איינער פון די מתפללים איז איינגעשטעלט אינעם פאנדרעיזינג אפאראט און האלט אונטער די פארזאמלטע מיט קרישקעלעך פון די לעצטיגע נדבות "פלוני איז א סאטמארער, ער גיבט ברייט" זאגט ער מיט צושמייכלטע לעפצן. כ'האב הנאה צו הערן אז אפילו דא בלייבט מען נאך מיט די סאטמארע זשינס... די ארטיגע אברכים זענען מיר שיין מקרב און אינטערסירן זיך ביי וועם איך האלט זיך אויף "זאלסט אים זעהן צו מקרב זיין" ווארענען זיי אים מיט א שמייכל. פיין געווען וואויל געווען, גוט שבת, גוט שבת...

נאך א דערהויבענע סעודת חקל תפוחין איז מען מיר מודיע אז ס'קומט יעצט פאר א באטע אינעם שטוב פונעם ראש ישיבה שליט"א. "נאר פאר מענער" זאגט ער, זעענדיג מיין וואונדער אויפן געזיכט ערקלערט ער מיר אז יעדער תושב דא אין שטעטל, מענער און פרויען צוגלייך, זוכן צו זיין ווי מער במחיצתו פונעם מנהיג העדה און הערן נאך א גוט ווארט פונעם ראש ישיבה, צוליב דעם פלעגט זיין א פולע ווייבער שול ביים באטע וואס פלעגט פארקומען אין ביהמ"ד. אבער דער ראש ישיבה שליט"א גלייכט נישט אזא ווערטשאפט

שפאציר איך אזוי אויפן לאנגען וועג צום ביהמ"ד מיט טלית'ל, די לופט איז קלאר, דער וועטער אנגענעם, אלעס וואס איך זע איזביימער און בלעטער, די איינציגע גערויש וואס הערט זיך איז די פון די אומצאליגע פויגלען וואס זיצן אויף די צווייגעלעך און זינגען פרק שירה, א מין רואיגקייט הערשט אין די לופט.

אין וועלכע מען פארדרייט דער נארמאלע סדר העולם, צוליב דעם האט ער עס אנגעהויבן פירן ביי זיך אין שטוב, וואו נאר די מענער זענען געלאדענט.

למעשה נאכן הערן אז דער באטע ציעט אריין אין די קליינע נאכט שעות, און דער וועג אהין איז א קנאפע פינף און דרייסיג מינוט'יגע שפאציר, האט זיך דער בעט גובר געווען אויף מיר, און דער באטע איז אנגעגאנגען אן מיר, לויט ווי כ'האב צוריקגעהערט...

## התבודדות מיט די פויגלען

א פרישע ווינטל אנטפאנגט מיר ארויסקומענדיג פון שטוב שבת צופרי, מ'גיימיר דאווענען שחרית אינעם צענטראלן שול מיטן ראש ישיבה שליט"א.

דער מכניס אורח מיינער איז שוין אין שול פאר עטליכע שעה וואו עס איז פארגעלערנט געווארן א געשמאקע שיעור אין זוהר הקדוש ווי דער ראש ישיבה אליין לערנט פאר, דער שיעור קומט פאר אינעם שול הויף צווישן ביימער און וועווערקעס און ציעט צו זיך א היבשע עולם.

כ'האב קוים אנגעהויבן מיין וועג, און די מניעות הייבן זיך אן... וואס איז? אויפן וועג צום ביהמ"ד אויף די גארדען האוז שטראסע דארף מען דורכגיין א בריקעלע וואס איז כעת נישט אין באנוץ וויבאלד צוליב זיין עלטער האט מען אים אראפגעווארפן און עס בויעט זיך א נייע אויפן פלאץ. מיין גאסטגעבער האט מיר אבער פארזיכערט אז עס איז דא דארט א צייטווייליגע האלצערנע בריקל וואס די ארבייטער אויפן פלאץ

האבן אויפגעבויט. און סייווי וועט מען בעטן דעם אייבערשטן און אלעס וועט זיין גוט. קומענדיג אן דארט, לאזט מיר וויסן דער ארבעטער מיטן געלן היטל אז מען קען נישט דא אריבערגיין. אמער, די בריקל איז נאר געמאכט פאר די ארבייטער. ס'טוט מען דא? נאך עטליכע לאנגע מינוטן וואס איך שטיי דארט אינגאנצן פארלוירן, איז אנגעקומען נאך אן ארבייטער מיט א ווייכער הארץ און מיר געגעבן רשות צו גיין ווייטער, אבער באגלייט מיט א שטרענגע ווארענונג אז "דאס איז דאס לעצטע מאל איך לאז דיר אדורך, אויף צוריק איז נישטא קיין וועג", איך שאקל צו מיטן קאפ, א ברירה האבעך? קודם לאמיר גיין, דער אויבערשטער וועט שוין טון דאס זייניגע.

שפאציר איך אזוי אויפן לאנגען וועג צום ביהמ"ד מיט טלית'ל, די לופט איז קלאר, דער וועטער אנגענעם, אלעס וואס איך זע איז ביימער און בלעטער, די איינציגע גערויש וואס הערט זיך איז די פון די אומצאליגע פויגלען וואס זיצן אויף די צווייגעלעך און זינגען פרק שירה, א מין רואיגקייט הערשט אין די לופט. א שלוות הנפש לאזט זיך אראפ אויף מיר, נישטא קיינער און גארנישט וואס זאל צושטערן די לויטערע אטמאטפער, די מחשבות זענען קלאר און פליסן אומגעשטערט, איז דאס אן ערנסטע געלעגנהייט פאר אביסל התבודדות, אמת'דיג גערעדט, נאך אלעם שטייט דאס פון אלע ספרים אויך פונעם הייליגען רבי רבי אלימלך פון ליזענסק זי"ע, כ'בין ממש מקנא די אידן וואס זענען זוכה צו לעבן אזא גן עדן לעבן.

א קורצע שטרעקע פארן ביהמ"ד שפאצירט מיר דורך א אידל מיט די טלית שוין אויף די פלייצעס מיטן גאנצן רואיגקייט, ווי עס שיינט איז ער שוין א געדאווענטער, ווארשיינליך א ותיקין איד. ער גריסט מיר א פריינטליכער גוט שבת, און שטעלט מיר אויף א אומפארמאלע 'וויליאמסבורג'ע סטייל' קרייץ פארהער, ער וויל וויסן ווער איך בין, פון וואנעט קומט א איד, "פון וועלכע משפחה ביסטו פונדערהיים?" פרובירט ער זיך צו דערגרינטעווען

אויף מיינע ווארצלען, "און דיין זיידע'ס טאטע, וועמענס זון איז ער געווען?", נאך א ווײַלע גריבלען גיבט ער אויף צו טרעפן עפעס א קרובה'שאפט צווישן אונז. "טשאבעס!" שרייט ער מיר נאך.

## שחרית אין היכל הקודש

שכח אייבערשטער אז די מקוה איז געווען פיין ווארעם, די מילך איז געווען פריש, גיימיר תפלה טאן אינעם צענטראלן ביהמ"ד מיטן ראש ישיבה שליט"א.

א הערליכע פירונג וואס איך האלט יעצט מיט צום ערשטן מאל, איז דער פאקט אז כמעט יעדער וואס האט מיר אנגעטראפן אין בית המדרש האט מיר געגריסט, יונגעלייט און זקנים, אלע מיט א פריינטליכע שמייכל אויפן פנים "גוט שבת". איך וועל מודה זיין, ס'האט מיר באמת געשמעקט, הלוואי ביי אונז אין ביהמ"ד. שפעטער האב איך געפרעגט מיין ידיד אויב ס'איז דא ווייניג געסט די וואך, "וויאזוי דען האט יעדער גלייך באמערקט דעם גאסט?" ער צושמייכלט זיך "ס'געווען די וואך באלד צוואנציג געסט, יעדער וואס קומט דא אריין באקומט דעם אויפנאמע". וואויל איז זייער חלק.

מניעה נומער צוויי איז אין פולן קראפט. מיין בעל אכסניא האט מיר געזאגט אז מען וועט זיך שטעלן אום צען דרייסיג, למעשה ווער איך געוואר אז מען האט זיך שוין געשטעלט ארום צענע, האב איך זיך געטראפן זאגן הודו ווען דער ציבור האלט שוין באלד ביי קרי"ש. אינגאנצן נישט מיין שטייגער זיך צו שטעלן שפעט, אונס רחמנא פטריה...

> **דער ראש ישיבה שליט"א שטייט ביים ברעטל און ברענגט אריין א ווארעמקייט אינעם דאווענען, קדושה זאגט דער גאנצע עולם צוזאמען מיט א ברען מיט אזא שיינע הארציגע נוסח אזש דאס הארץ איז מיר צוגאנגען, א זאך וואס איז מיר היבש געפאלן**

דער ראש ישיבה שליט"א שטייט ביים ברעטל און ברענגט אריין א ווארעמקייט אינעם דאווענען, קדושה זאגט דער גאנצע עולם צוזאמען מיט א ברען מיט אזא שיינע הארציגע נוסח אזש דאס הארץ איז מיר צוגאנגען, א זאך וואס איז מיר היבש געפאלן. אויף ממקומך זינגט מען דער באקאנטע אלוועלטליכע ניגון (ס'הויבט זיך אן "טירירוויראראראם טיריראם"), און ביי חזרת הש"ץ זינגט דער ראש ישיבה די ווערטער אויף באקאנטע ניגונים קאמפאזירט דערויף, ער לאזט נישט אויס קיין איינס. 'ישמח משה' גייט א דעבקע און 'ושמרו' א פריילעכס, עס פייערט א 'כולם ישבעו ויתענגו', 'וטהר ליבנו' און 'והנחילנו'. עס איז געווען עפעס הערליך שיין!

נאך שחרית גייט קריאת התורה מיטן ראש ישיבה אלס בעל קורא. דער ראש ישיבה ליינט הויעך און מיט א לעבהאפט, פון צייט צו צייט שטעלט ער זיך אפ א ווײַלע און מאכט שטיל די שמועסערס - מיט היבשע הצלחה, כמעט וואס איך האב נישט געזען קיין שמועסערס בשעת'ן ליינען.

צו מוסף גייט צו א יונגערמאן מיט א געשמאקע שטימע. ס'האט מיר גע'חידוש'ט צו זעהן אז דער ראש ישיבה פארנעמט נישט קיין אויבנאן זיץ נאר שטעלט זיך דאווענען אויף איינע פון די טישן כאחד מבני החבורה, דער מזרח זיץ זעה איך, איז רעזערווירט פארן שטעטל'ס דיין, א יונגערמאן אין די נידריגע דרייסיגער.

דורכאויס מוסף באמערק איך ווי דער ראש ישיבה ארבעט אריין אין זיינע קינדער און איז זיי מחנך ווי א געהעריגע טאטע, פאר זיי איז ער נישט 'ראש ישיבה', פאר זיי איז ער א טאטע און איז אינגאנצן דערינען.

נאך אנעים זמירות איז דא עטליכע מינוט וואס איז מוקדש צו זאגן די תיקון הכללי, דער עולם נעמט די ספעציעלע זאגערלעך און שאקלט זיך איבער די קאפיטלען מיט אן ערנסטקייט. אין די זעלבע צייט גייען אן די העפטיגע הכנות דורך די פרחי העסקנים וואס ברענגען צונויף די טישן און גרייטן אן דעם ביהמ"ד צום קידוש - סלעש שיעור 'סיפורי מעשיות' וואס קומט פאר באלד דערנאך.

דער עולם זעצט זיך צונויף אויף די טעצער קיפעלעך, איינער מאכט הויך קידוש און איז מוציא דעם קהל, און דער שיעור הייבט זיך אן.

דער ראש ישיבה שליט"א מישט אויף א סיפורי מעשיות און לערנט פאר א קליינעם שטיקל. פארדעם, נאכדעם, און כסדר, איז ער מדגיש אז אלעס וואס ווערט דא געזאגט איז נאר ביז וויפיל אונזערע קליינע מוחות קענען משיג זיין און עס ליגט דערינען באהאלטן טיפע און געוואלדיגע סודות. ער הייבט אן מיט א שטיקל ביאור אויף דעם שטיקל, און גייט גאנץ שנעל אריין צום למעשה.

דער ראש ישיבה רעדט רואיג און צוגעלאזן, מיט א דירעקטע שפראך גראד צום נקודה אן עס פארדעקן מיט דיפלאמאטיע, מיט לייכטע - צומאל הומאריסטישע - אויסשפראך האלט ער דעם עולם מיט זיך, דער ציבור זיצט געשפאנט און קאנצעטרירט אויף יעדע ווארט וואס קומט ארויס מפה קדשו. דער ראש ישיבה רעדט וועגן תהילים און משניות, חינוך און שלום בית, און דערמאנט נאכאנאנד די גליקליכע לעבן צו וואס מען איז זוכה דורכן זיין מקושר מיטן צדיק.

דער ראש ישיבה איז אריין אין א שמועס איבער די בעפארשטייענדע הייליגע טעג וואס דערנענטערן זיך; "תמו"ז איז נוטריקון זמני תשובה ממשמשין ובאין" מאנט ער. ווי איך האב געזען איז מען שוין אינערהאלב די קהילה ערנסט פארנומען מיט די הכנות צום יו"ט, די קאווע שטיבל דיסקוסיעס זענען שוין ערנסט פארנומען דורכטון די חילוקים פון מאלדאווע ביז פוילן, און דער ראש ישיבה איז מאריך אין

עניני תשובה ותיקון המעשים. ס'האט מיר געגעבן אן ערנסטן שאקל. נאך אזא שיעור טראכט איך שוין ערנסט ווי איך וועל שלאפן היי יאר אין אומאן אויף ראש השנה למעשה וויל איך דיך יא מען זאל אין הימל מקבל זיין מיינע בקשות און ענטפערן אמן דערויף. מ'דארף זיך נעמען אין די הענט אריין, שוין העכסט צייט.

נעבן דעם ראש ישיבה אויפן אויבנאן באמערק איך זיצן א איד מיט א הדרת פנים וואס שיינט נישט צו זיין קיין היזיגער, נאכן אנפרעגן ווערט טאקע באשטעטיגט אז די רעדע איז פון א חשובע רב אין בארא פארק א געוואלדיגער תלמיד חכם וואס זיין שייכות אהער איז זיין זון געהערט דא, ביי וועם ער איז געקומען ווייל אויף שבת.

נאך א געשאצטע דריי פערטל שעה פארענדיגט זיך דעם שיעור, און דער עולם צוגייט זיך אויפן וועג צו אפרעכטן דעם סעודת היום.

איך בין היבש נערוועז איבער וואס עס וועט זיך אויסלאזן מיטן בריקל אונזערער, אבער מיין בעל אכסניא פארזיכערט מיר אז מיין זארג איז אומזיסט. ער דערקלערט שטאנדהאפטיג אז ער האט מתפלל געווען אויף הצלחה, "וועסט זען, ס'גייט דא זיין א תפילה מעשה" זאגט ער פאר. אונז קומען אן אויפן פלאץ און ווי א געניטע פארהאנדלער ווענדט ער זיך צו די אנוועזנדע ארבייטער, וועלכע ווערן אויפגעלאזט צו זיין העפליכע באנעמונג און אפענע חנופה, ווי ער זאגט זיי' אומאויפהערליך 'דער אייבערשטער זאל דיר בענטשן' אויף זייער שפראך. מיט א פארזיכערונג אז ס'איז דאס לעצטע מאל, שפאנען מיר פארזיכטיג אריבער דעם גשר צר, און מיין ידיד פראוועט א נצחון אויף זיין - 'נאכנישט' ברסלב'ע - חבר. תפילה העלפט!

נאך די סעודה האב איך געהאט שטארק חשק זיך ארויסלאזן אויף א שפאציר און באאבאכטן דעם קווארטל, אבער אן ערנסטן רעגן האט צונישט געמאכט מיינע פלענער. די הימלען האבן געשפיגן עמערס וואסער און ס'איז קלאר געווארן אז ס'איז נישט דא קיין רעדע פון ארויסגיין סיי וואו. גם זו לטובה.

## שלש סעודות אין ברסלב

די זון נייגט שוין מערב צו, ס'איז רעווא דרעווין, מ'גיימיר אפרעכטן שלש סעודות, בני הכלא דכסיפין מיט א ווארעמקייט אין די צענטראלע בית המדרש אינאיינעם מיטן ראש ישיבה שליט"א.

אין קאנטראסט צו די הערליכע וועטער און קלארע לופט וואס האט אונז אויפגענומען פרייטאג, איז יעצט דאס פארקערטע. די רעגן לאזט זיך נאך אראפ פון צייט צו צייט, ס'איז הייס און ביטערליך יומיד, ס'גיסט זיך טייכן שווייס אונטער די רעגן מאנטלען, און דער וועג נעמט נישט קיין עק.

צום סוף זעמיר אנגעקומען... כ'מיין אז מיין בעקיטשע איז מער דורכגעווייקט ווי מיין מעיל... די פרישע עירקאנדישאן לופט ברענגט אביסל צוריק די חיות, פונקט גוט אנגעקומען. וידבר!

נאך זיך וואשן זעצט מען זיך אויף די פלעצער צו שלש סעודות, עטליכע אידן שלאגן מיר פאר א פלאץ, איינער פון די חשובים זארגט זיך פאר מיר צו איך האב אלעס וואס איך באגער, "וועון איך בין אין די פרעמד וויל איך אויך מ'זאל מיר מקרב זיין" ווערטעלט ער זיך מיט מיר. דער יונגערמאן איז א שרייבער אין די שטארק אויפגעכאפטע 'קרית ברסלב בלעטל', פון די מאלן וואס איך האב געליינט זיינע ווערק, האב איך נישט גע'חלומ'ט אז ער קוקט אזוי אויס מיט א גרויע איינגעדרייטע בארד, אבער דא שטייט ער פאר מיר און פארציעט מיט מיר א שמועס איבער משפחה און אנדערע אנגעלעגנהייטן, קוקט אויס ווי א באזעסענער מיט א געשמאקע כאראקטער, מ'קען קיינמאל נישט וויסן.

**דער ראש ישיבה לאזט זיך דאן אריין אינעם שמועס, און ברענגט ארויס דאס וואס ער חזר'ט כסדר אין די שיעורים, אז דער פלאך-אויסזעהנדע אינגערמאן קען גאר זיין דער וואס מאכט דעם גרעסטן נחת רוח אין הימל, מען ברויך נישט פליען אין די הימלען און טאן אויסערגעוועהנליכע פעולות צו ווערן באליבט ביים אויבערשטן, נאר דווקא אינעם חיי יום יום, דארט דארף מען זען צו אריינברענגען דעם אויבערשטן די מערסטע וואס מעגליך.**

נאכן זינגען ווארעמע ניגונים פאר אפאר מינוט, מישט יעדער אויף דעם ליקוטי מוהר"ן באנד, און דער ראש ישיבה לערנט פאר פון אינעווייניג.

דער ראש ישיבה שטעלט זיך אויף די וועלט תמיה, און פרובירט צו פארשטיין וויאזוי די הייליגע "ראשי בני ישראל" זענען אנגעקומען צו אזא שפל המצב, וואס האט אויפגעהאלטן די אידן פאר נאך פערציג יאר אין מדבר.

דאן לערנט דער ראש ישיבה פאר פונעם ליקוטי מוהר"ן, ווי דער ברסלב'ע רבי דערציילט אז ווען ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, און געוויסע בני עלי' האבן זיך אפגערעדט פאר אים, אז זיי זועהן נישט און שפירן נישט קדושת ארץ ישראל, בעת וואס זיי האבן געמיינט אז באלד ווען זיי קומען אן צום הייליג לאנד וועלן זייערע אויגן אויפלייכטן מיטן אור פון ארץ ישראל. דער רבי זי"ע איז דארט מסביר אז קדושה איז נישט אלעמאל אנזעהבאר פונרויסן, און א צדיק איז לאו דווקא איינער וואס יעדער זעהט פונדרויסן אז ער איז אנדערש פון

די פשוטי עם, נאר אלעס ווענדט זיך אינעם פנימיות, "רחמנא ליבא בעי."

מיט דעם איז דער ראש ישיבה, אז דאס איז געווען די פאטאלע טעות פון די מרגלים, ווען זיי האבן ערווארטעט צו זעהן די גרויסקייט פונעם לאנד מיט די פליישיגע אויגן, און ווען זיי זענען אנטוישט געווארן האט עס זיי ליידער געפירט צו דאס ארגסטע.

דער ראש ישיבה לאזט זיך דאן אריין אינעם שמועס, און ברענגט ארויס דאס וואס ער חזר'ט כסדר אין די שיעורים, אז דער פלאך-אויסזעהנדע אינגערמאן קען גאר זיין דער וואס מאכט דעם גרעסטן נחת רוח אין הימל, מען ברויך נישט פליען אין די הימלען און טאן אויסערגעוועגליכע פעולות צו ווערן באליבט ביים אויבערשטן, נאר דווקא אינעם חיי יום יום, דארט דארף מען זען צו אריינברענגען דעם אויבערשטן די מערסטע וואס מעגליך.

דער ראש ישיבה דערציילט דאן א זיסע אנעקדאט באותו ענין וואס האט זיך אפגעשפילט ביי מוהרא"ש. ווען ער האט אמאל ביים זינגען "אתקינו סעודתא" באמערקט ווי איינער שטייט דארט און פרובירט צו אויפכאפן אינטערסאנטע תנועות און הווי-ות, האט ער זיך אנגערופן צו יענעם, "צווחין (טייטש-געשרייען) אף עקתין (ארויסגעזאגט - א פאקסן) בטילין ושביתין, נאר מען דארף דייקא דעם 'ברם אנפין חדתין' דהיינו מיט א שמחה און אצילות"...

נאכן פארענדיגן דעם שמועס צעגערט מען נישט, מען בענטשט און באלד דערויף שטעלט מען זיך מעריב.

## א גוטע וואך, ליבערטי

א גוטע וואך, א מזל'דיגע וואך. מעריב שוין געדאווענט, א טענצל שוין געכאפט ברוב עם, צייט צו פאקן די פעקלעך און מיטנעמען די הותחזקות אויפן וועג אהיים. שווער זיך צו שיידן, ליבערטי.

אויפן וועג ארויס פון שטעטל כאפ איך נאך אריין עטליכע מינוט ביים מלוה דמלכא וואס ווערט זיך פארציען אויף לאנגע שעות, צופיל צייט פארמאג איך נישט, אבער לאמיר אריינכאפן וויפיל ס'שייך.

דער עולם האלט זיך נאך אינמיטן צונויפנעמען ארום געדעקטע טישן, די מעניו איז איינגעהאלטן, אביסל סאלאטן - מער ווייניגער די שיריים פון שלש סעודות. דער ציבור איז נישט דא פאר גשמיות, זע איך גראד.

מיין ווייב נוצט אויך אויס דעם געלעגענהייט צו זעהן דעם ביהמ"ד פונדערנאנט. ווי שוין דערמאנט, זענען די מענער און פרויען צוגלייך אויסגעדארשט ווען עס קומט צו מקבל זיין נאך א ווארט און אריינגעמען נאך אן הדרכה פונעם ראש ישיבה, און א פולע ווייבער שול איז מערקבאר אויפן ארט.

פון די רעכטע זייט זיצט א יונגערמאן וועלכער איז עוסק אין אפכאפן דעם מעמד און עס לופטערן צו דעם ברייטן קרייז.

דער ראש ישיבה זיצט אויפן אויבנאן מיטן מייק אין די האנט, און מיט זיין ווארעם הארציגע שטימע זינגט ער פאר די זמירות, באגלייט דורך א פיאניסט אינדערזייט וואס יכול'ט ווי עס באדארף צו זיין. נעבן אים באמערק איך א בחור'ל וועלכער איז מנצח אויף א כלי פונעם פערקאשען פאמיליע, קומט אויך אריין קלאר. דעם בחור דענק איך צו האבן געזען פריער לערנען און דאווענען מיט אן ערנסטקייט, אין זיינע זייטיגע צייטן איז דאס זיין אויסליפטערונג מיטל, א פאפולערע מהלך ביים ראש ישיבה'ס תלמידים וואס נעמט זיך פון סיפורי מעשיות וואס ווען איינער איז געווען אין א ענגשאפט האט מען געשפילט אויף כלי זמר.

> איך וואלט זייער גראטן פאר ווער עס וויל מיר צוהערן עס צו גיין זען פונדערנאנט, די אלע וואס האבן קשיות און ספיקות, זאלן עס אליין זיך קומען איבערצייגן ארום די אויסגעניצטע-התבודדות וועלדער, וויל למעשה זענען פארהאן הערליכע און אינספירינדע טיילן אין יעדן ווינקל, דיאמאנטן וואס מען זעהט נישט מיטן דרויסענדיגן בליק.

עטליכע זינגען מיט די זמירות, בעת א מערהייט פונעם ציבור איז פארטון אין געשמאקע שמועסן. א היימליכע אטמאספער הערשט אין די לופט, א ברידערליכע שטימונג שפירט זיך אויפן ארט, ס'איז געקומען די צייט צו פארלאזן דעם שטעטל, אבער עס גייט זיך שווער ארויס פונעם געשמאקן אווירא וואס נעמט מיר ארום.

דער וועג אויף קרית יואל גייט דורך אונטערן אנגענעמען רושם פון די נארוואס מיטגעלעבטע מאמענטן, און איך טרעף מיר צוריק אינדערהיים ברוך ה'. א גוטע וואך.

צום אויספיר? וואס זאל איך זאגן.

איך בין ממש באגייסטערט געווארן פון אצילות און שיין פון די אינגעגלייט דארט, מ'זעט אז זיי מאכן התבודדות, עס איז טאקע זייער אייגענארטיג, אבער איך וואלט זייער גראטן פאר ווער עס וויל מיר צוהערן עס צו גיין זען פונדערנאנט, די אלע וואס האבן קשיות און ספיקות, זאלן עס אליין זיך קומען איבערצייגן ארום די אויסגעניצטע-התבודדות וועלדער, ווייל למעשה זענען פארהאן הערליכע און אינספירינדע טיילן אין יעדן ווינקל, דיאמאנטן וואס מען זעהט נישט מיטן דרויסענדיגן בליק. ס'איז דא אסאך זיך צו לערנען פון דער געוואלדיגער פשטות, ווארעמקייט, און אזויפיל מער אין אלע חלקי החיים.

נישטא וואס צו רעדן, עפעס האבן זיי וואס אנדערע האבן נישט עפעס א הארץ שפראך. כ'האב זיך זיכער געלערנט גאר אסאך דורכאויס דעם שבת.

צום ווידערזען ליבערטי, ס'איז געווען אנגענעם זיך צו באקענען.

## הֵיטִיבָה ה׳ לַטּוֹבִים
## וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם

יעמוד
על הברכה
ידידינו הנכבד
פארן מנדב זיין

די רענט פון

# חודש תשרי

מו״ה
**יואל**
**מענדלאוויטש**
הי״ו

מו״ה
**דוד**
**טשינגל**
הי״ו

מו״ה
**יואל**
**טייטלבוים**
הי״ו

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג׳ן רבינ׳ס
מוסדות זאל אייך ביישטיין צו האבן בני
ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן,
מיט פול סייעתא דשמיא.

מוסדות
היכל הקודש
ברסלב בארה״ב
רענט
קאמפיין



# צום פינטל

## ס'דאכצעך... אז מ'פארצעך... און מ'טוצעך...

ערב שבת חנוכה

ביי מיר האט זיך עס שוין אנגעהויבן ערב שבת חנוכה, דאכט זיך מיר עס איז אויסגעפאלן צו זיין די פינפטע לעכטל, הערע.... איך הער נישט.... טענה'סט אז שבת חנוכה קען נישט געפאלן די פינפטע לעכטל? נישט משנה! איז עס געווען די פערדע... זאל זיין די זעקסטע... דאס איז איינמאל זיכער אז ס'געווען אן ערב שבת, פשוט ווייל איך געדענק מיך ארומלויפן זיכער מאכן אז איך גיי אין מקוה איין מינוט נאך די לעצטע מינוט... איך האב נאך עספיעט זוכן, קראצן, פרובירן שאפן א שטיקל בשר בהמה פארן טשולענט, מיר נעמען דאך נישט אן אז 'אזלינן בשר עוף'... וואס נאך געדענק איך? אהה! יא! איך געדענק מיך זיך רעגן אויף די אומפארענדיגטע ירושלמי און געקנעטענע... איי ווער איז דיר שולדיג... שוין... אזוי איז עס... ערב שבת איז דאס זיכער געווען.

און חנוכה אמממ... לכאורה איז עס אויך געווען חנוכה, לויט וויפיל איך געדענק די סכום פון אויל אין וואס די דיינונג רום איז געשווימען איז דאס העכסט ווארשיינליך נישט געווען א פשוטע ערב שבת, וועט מען לכאורה ברויכן איינזעהן אז דאס איז געווען טאקע אן ערב שבת חנוכה.

אזוי אינמיטן דאס גאנצע געלויף, אין דערינען פונעם גאנצן הו הא, ווי א דונער הערט זיך פלוצלינג א בת קול: די ערלית'טע האט שוין פארענדיגט איר ארבעט און מען מוז איר באצאלן!

די פישקאות זענען אלע ליידיג! נישטא פון וואנעט צו בארגן! איך קען נישט זאגן ממש אינגאנצן ליידיג 'געלט טאקע אין בו...' אבער אנדערע זאכן געפינען זיך דארט לרוב, די פולע קוויטלעך וואס מען פירט זיך ביי אונז אריינצולייגן אין יעדן נויטפאל, ווען די שטוב איז ליידיג ווענדן מיר זיך מיט א הייסע ווענדונג צום פושקע'לע, מען לייגט אריין א קוויטל... וויפיל געלט מען נעמט ארויס פון פושקע אזויפיל שרייבט מען אריין אין קוויטל, דאכט זיך עס וואלט געווען גאנץ א כשר'ע קוויטל שפיל...

בקיצור קיין געלט איז נישט בנמצא, שוין געזוכט אין אלע טאשן... אין די זייט פונעם קויטש... אוועקגעריקט שענקלעך... אפילו געזוכט אונטערן באנק... אינעם באנק? נאא! שוין לאנג ליידיג!

איך קראץ מיר די קאפ, ווי ווערט מען פטור פון די אנשיקעניש דא - די שפחה כנענית - זאל זי שוין ארויסגיין, איך האב מורא אז דאס מאל וועט זי נישט ארויסגיין בכסף, איך האב מורא איך וועל איר מוזן משחרר זיין בשן ועין... אאהה! יא איך דערמאן זיך... עס איז דאך יא דא איין אומבארירטע פושקע... ניין ניין... נישט קיין פושקע ציגארעטלעך... ווי האסטו פושקעס ציגארעטלעך? זיי האבן דאך דאך אלעס קאנפיסקירט, די אנטיסעמיטן, די פאלאקן ביים גרעניץ...

נאא! איך רעד פון א פשוטע פושקע, ביי מיר אינדערהיים, וואס איז נאכנישט געפענט געווארן, נאכנישט באריךט געווארן. ווי אזוי דאס קען זיין פרעגסטו? וועל איך דיר זאגן: יענעם מוצאי יום הקדוש איז געשאפן געווארן א פושקע, א אייזערנע פושקע, פון אזא מין מאטריאל וואס דאס קען מען נישט עפענען, די מעשה מיט דעם פושקע איז אזוי: זעענדיג ווי שווער ס'איז אנגעקומען א יאר בעפאר צו דעקן די הוצאות פון פארן קיין אומאן, האב איך מיר פאבריצירט א 'קודש קדשים', א פושקע, דארט וועט אריינגיין כסדר אלע איבערגעליבענע טשענדש, בלייבט אמאל א איבריגע פינעווער א צענער, בלייבט דען? מ'רעדט דאך נאר אויב... למשל... דאן גייט דאס אריין אינעם אומאן פושקע, דאס איז א וואן ווען טיקעט קיין אומאן... דארט גייט עס נאר אריין, האפענטליך וועט עס נישט געפענט ווערן ווילאנג מען וועט דארפן צאלן די טיקעט, מיט דעם וועט מען מיטן אייבערשטנ'ס הילף באצאלן די הוצאות פון פארן צום הייליגן רבי'ן

אויף ראש השנה.

יעצט שטייענדיג אין א דילעמע, האב איך מיך געמאכט א שנעלע חשבון, אומאן איז דאך הערשט אין א דריי פערטל יאר, ביז דאן וועל איך מיך שוין עפעס אן עצה געבן, אבער די ערלית'טע וועט נישט ארויסגיין אנע געלט... געזאגט און געטון, אנגעפאנצערט מיטן זעג... דריל... האמער... סקרול דרייוועה... שרויפן ציער, האב איך מיך גענומען צו דער ארבעט... זיך אריינברעכן אינעם פושקע, גלייב מיר, נישט קיין גרינגע ארבעט געווען, געשלעפט, געהאקט, געצויגן, אה... א שפאלט האט זיך געעפענט שאפנדיג א שטיקל וועג פאר א פינגער אריינצו... אוטש א טיפע שניט... עס גיסט בלוט...

באנדאזשירן, גאוז פעד'ס, פראקסייד, טישו'ס, וואסער, אלקאהאל, אין א וואנע פון פאררעל... אקיצור, יענץ געשעפט... יא! יענעם ערב שבת האט זיך עס ביי מיר אנגעפאנגען... דאס איז מיר געווען דאס ערשטע דערמאנונג, אזא ציפ... פארגעס נישט! מען טוצעך וואס מען וויל און מ'פארצעך אויף אומאן... יא! ערב שבת חנוכה האט מען מיך שוין אומדירעקט דערמאנט דעם ניגון...

וואס די סוף מיטן רוימערקע איז געווארן געדענק איך נישט, אזויפיל ווייס איך אז שבת איז זי שוין נישט דארט געווען... אבער דאס איז געווען די ערשטע אין די רייע פון דערמאנונגען, יא! מען טו...'צעך' וואס מען וויל און מען פאר...'צעך' אויף אומאן...

די שניט האט זיך פארהיילט, אבער יעדעס מאל קוקנדיג אויף די צייכן וואס איז פארבליבן פונעם שניט - איז מיר גוט געווארן אויפן הארצן, עס איז מיר געווען ווי א אומדירעקטע דערמאנונג, געדענק! עס קומט גוטע צייטן! ווען מען גייט 'זעך' עקטשועלי (ליטערלי בלע"ז) טון וואס אימער אין די וועלט מען וויל...

מיט דעם הפקירות'דיגן געפירעכץ האב איך מיך טאקע געפירט דאס גאנצע יאר, איך האב געטון וואס אימער אין די וועלט איך האב נאר געוואלט.

אפאר קליינע ביישפילן פונעם 'זעך' טון וואס איך האב 'זעך' געוואלט? נא דיר...

איך האב געהאט א פראבלעם, איך האב זייער געוואלט - פשוט פאר מיין געזונט - חתונה מאכן 'אלע' מיינע קינדער עד זקנה ושיבה, געזונטערהייט, פריש, נישט ליידן פון סטרעס, דיפרעשאן, הארץ אטאקעס, איך האב דאס זייער געוואלט...

אבער ס'איז געווען ביטער שווער, מכמה סיבות, קודם כל ס'קאסט דאך אזויפיל די הוצאות החתונה, ווי קען מען חתונה מאכן אפילו איין קינד אן קיין חובות, הויכע בלוט דרוק, הארץ שטעכענישן, און כל שכן איין קינד נאך ס'אנדערן.

איך האב געטראכט: שוין! איך וועל חתונה מאכן ביליג... אבער דאס איז מיר געווען זייער שווער, איך האב געשפירט איך טאר עס נישט טון... איך טאר עס נישט טון צו מיינע חברים, וואסערע פנים וועט עס טראגן ווען מיינע חברים מאכן חתונה יאר יערליך, און בארגן זיך צאם 50 ביז 100 אלפים... גמחים... קרעדיט קארד'ס... נאך א קינד נאך א 50'ער, אזוי יעדעס יאר צוויי ווען מען מאכט חתונה, איז מען אנגעזעצט פון קאפ ביז פיס, זיי ווערן גרעי און גרין פון חובות, בלוט דרוק און פרעשור, נאך א קינד צום חתונה, נאך א קישקע מנדב געווען, נאך א קינד חתונה געמאכט, נאך א שטיק הארץ! (ביז דערווייל זענען נאר דא 'קידני דאונער'ס' נאכנישט דא קיין 'הארץ דאונער'ס...')

איז ווי קען איך גיין ממש בשרירות ליבי, אין די צייט וואס מיינע חברים ווערן ווייס און גרוי, זאל איך מיך אריינקומען קלאר, חתונה מאכן איין קינד נאכן צווייטן מיט א אויפגעלייגטע שמייכל, אהיימגיין פון די חתונה ממש ווי א ריכטיגער מחותן, אן קיין דאלער חובות, ווי קען איך דאס טון צו זיי? איך רעד דא נישט פון סתם חברים... איך רעד דא פון גא-א-א-ר א טייטע קראא... דארפסט זיי קענען... מען קען מיט זיי אוועקטשילן די לענגסטע מוצאי שבתים... פושקע נאך פושקע ווערט ליידיג... און מען ווייסט נישט ווי דער נאכט איז אהינגעקומען, נו ווי קען איך דען זיין אזא לועג לרש, שטיין און צוקוקן אזוי גלייכגילטיג, ווי קען איך דאס טון צו אזעלכע נאנטע ידידים.

דאס איז איינמאל איינס, דערנאך האב איך געהאט נאך גאר א גרויסע פראבלעם, דאס איז געווען "מיינע מומע'ס..." איך האב געציילטע 'עכט נארמאלע' מומע'ס... זיי שטעלן זיך געהעריג צו צו 'אלעס' וואס 'יעדער' טוט... נו וואס וועלן זיי ענטפערן ליום הדין... ווען זיי וועלן שטיין ביים באס סטאפ אינאיינעם מיט זייערע 'נארמאלע' שכנים... און... ווי אזוי וועלן זיי קענען פעיסן זייערע פרענד'ס ווען זיי גייען גיין שאפינג, מען וועט דאך זיכער..... אנקומען צו די שאלה: איטס טרא (איז דאס אמת) יו העוו סאטש עה יאנטשי נעפיו (דו האסט אזא יאנטשי... (ווי זאגט מען נאר יאנטשי אין ארץ ישראל? פלימעניק).

נו פרעג איך דיר? מעג איך נעמען די בלוט פון מיינע מומע'ס און אויסגיסן? פשוט שופך דם זיין? בלויז דערפאר וואס עס איז מיר איינגעפאלן צו טון א משוגענע זאך און בלייבן א געזונטער מענטש?

כאפסט מיינע שוועריקייטן... נו! אזוי דריי איך מיך ארום מיט מחשבות יא? ניין? ניין? יא? געוואלט האב איך זייער שטארק, אבער עס איז געווען זייער שווער.

אטטע דא! טאקע דא! אין דעם סיטואציע איז אין מיר אריינגעקומען אזא פורים'נאכמיטאג'דיגער צולאזענקייט, אזא מין הוללות, א לייכטזיניקייט, א פריקת עול אויף א פארנעם וואס מען זעט נישט.

נישט רעכענענדיג זיך מיט קיינעם, האב איך זיך געטון וואס איך האב געוואלט, און איך האב חתונה געמאכט אין א שול... נישט סתם אין א שול, נאר אין א ברסלב'ע שול... איין מינוט נאכנישט פארטיג... מען האט דארט סערווירט... זעץ זיך אראפ... כאפ דיך גוט אן... הצלה!! הערסטע? אין פ-ל-ע-ס-ט-י-ק טעלער'ס, יא! אויף פלעסטיק טישטיכער... נישט געווען דארט וואס צו עסן... מען האט דארט סערווירט אביסל געפילטע... מיט א מייער אן-טאפ...

נו איז דער נישט גערעכט... ווען ער שרייט: שומו שמים! מ'פאר'צעך' אויף אומאן און מ'טוט וואס מען וויל! מען רעכנט זיך נישט מיט קיין סיסטעם, מיט קיין חברים... מיט קיין קאזינס... גארנישט... נו פרעג איך דיר! פרעג

<

איך דיר!

ווארט נאכנישט פערטיג...

איך האב זייער געוואלט מיינע קינדער זאלן נישט דארפן שמאכטן אין א ישיבה, ווי

**ווען מען האט מיר אזוי געגעבן א קרומע בליק, האב איך געהאט גרייט אין קעשענע גענוג און נאך פייגן פאר יעדעם איינעם... איך האב געטיילט פייגן פאר ווער ס'האט נאר געוואלט... איינער האט באקומען א פריש געצייטיגטע פייג, א צווייטער א געטריקנטע...**

מען קומט און מען גייט, מען גייט און מען קומט... און עס וואקסט אויף זיי נעבעך דאס גרינע שימל. עס איז מיר געווען זייער שווער, גיי טרעף א ישיבה ווי מען שטערט נישט די בחורים פון לערנען, מיט א פארמיטאג, נאכמיטאג, פארטאגס, נאכט לייגער, קובצים, חוזר חזרה, חברותא, בקיאות, עיון, נו! איך דארף דיר זאגן? דו ביסט דאך אריבער דעם סיסטעם אין ישיבה, דו ווייסט בעסער פון מיר וואס אלץ מען טוט 'נישט' דארט, איז ווי טרעפט מען אזא מקום בכלל.

און צווייטנס מה יאמרו הבריות, וואס וועלן מענטשן זאגן, ווי אזוי וועט דאס אויסקוקן, מענטשן וועלן דאך האלטן אז איך בין א פשוטער מאבד עצמו לדעת, א נותן מזרעו למולך, נעמסט א געהעריגער נארמאלער בחור, א גוט קעפל האט ער, ער האט דאך אלע קוואליפיקאציעס צו שטופן זעקס זיבן יאר אין ישיבה... ער קען דאך אויסוואקסן לשם ולתפארת... וואס וועט מען זאגן: ככככ... דארט האסטו אים אריינגעלייגט? ביסט זיכער דו מאכסט נישט קיין טעות? ככככ...!

אבער ווי געזאגט ס'הפקירות ווינטל האט זיך אין מיר צובלאזן, איך האב געשפירט אז איך פאר 'זער' אויף אומאן קען איך 'זער' טון וואס איך וויל, יא! איר האט צוגעטראפן איך האב געטראפן פאר אים גאר א שוואכע ישיבה, א ישיבה ווי מען לאזט לערנען, מען לאזט זיין א איד, מען לערנט מיט ערוואקסענע בחורים עכט קינדערישע זאכן וואס מען לערנט אין קינדערגארטן, דער אייבערשטער איז איבעראל, קענסט שמועסן מיט'ן אייבערשטן, מען רעדט דארט 'אפן' וועגן די זאכן וואס מען טוט 'באהאלטענערהייט' אין יענע ישיבה!! און מען לערנט דארט זאכן וואס קומט צוניץ יעדע ליאדע טאג אין לעבן, בעיסיקלי מען האלט זיי פלאטשיק...!

נו פרעג איך דיר! פרעג איך דיר! דאס איז נאך א קליינער ביישפיל פון זיך טון וואס עס וויל זיך!

איר זענט שוין מיד פון מיינע מעשיות, איר קענט פארמאכן דאס צייטונג, און זיך גיין אביסל אנשפארן, איך האב נאך אפאר דוגמאות, אז ס'איז אייך לאנגווייליג, גייט אריין אין סוכה, מאכט א לישב און האט הנאה... דערווייל וועלן מיר ווייטער פארזעצן מיט די עפיזאדן פון הפקרות'דיגע ווערצהויז'דיגע וויטשאפט...

הערט נאך א קליינע מעשה'לע

איך האב זייער געוואלט אז מיינע קינדער זאלן חתונה האבן ריין, זויבער, נישט וויסן פון קיין עבירות.

עס איז מיר גראד געקומען אין געדאנק אהא! זייער פשוט, מאך זיי חתונה יונג! איך האב געוויסט אז דאס איז די ריכטיגע זאך, און איך האב עס זייער געוואלט טון.

אבער איך האב מיך אנגעשטויסן מיט שרעקליכע שוועריקייטן, די לינקע האבן געטענה'ט אז דאס איז געהעריג טשיילד עביוז! געהעריג! די רעכטע האבן געטענה'ט אז דאס איז הפקרות און קלות, וואס דארף א יונגער בחור וויסן וועגן ככּכ'ווייב ווייב...

בנוסף לזה איז מיר עס שווער געווען, ווייל איך האב שוין געזען - מיינע גוטע פריינד - ווי אונטער מיין רוקן קרומען זיי מיט די נאז, עס איז נישט גרינג צו טון א זאך וואס מען ווייסט אז די חברים קרומען מיט די נאז... איינמאל קרומען מילא... אבער עס חזר'ט זיך איבער איינמאל צוויי מאל, דריי מאל, און ווער ווייסט... דער קען דאך נאך חס ושלום בלייבן מיטן פארקרומטן נאז... ווי קען מען צוקוקן ווי אזא נאנטער חבר דרייט זיך ארום א בעל מום... עס איז טאקע גאר זעלטן אז אזא זאך זאל פאסירן, אבער מען האט שוין געהערט אזאנס, מענטשן זענען געבליבן בעלי מומים זייער גאנצע לעבן... נו ווי קען איך גיין דאס טון בשאט נפש צו אזעלכע געטרייע ידידים מיינע, נעמליך "איך" זאל חתונה מאכן מיינע קינדער, און "זיי" זאלן בלייבן מיט קרומע נעזער, נישט קיין וויץ, איך האף איר פארשטייט די שוועריקייט דערין.

אבער איך האב עס אזוי שטארק געוואלט טון פאר די וואוילזיין פון מיינע דורות, די שוועריקייטן זענען געווען זייער שטארק, און פלוצלינג... א רוח צפונית... אזא דרום ווינטל... האט זיך צובלאזן אין מיר, און אריינגעברענגט אין מיר אזא מין לייכטזיניגקייט, א מין פרעכהייט און הפקרות, ממש א פורים'נאכמיטאג'דיגער צולאזענקייט, איך בין געגאנגען און גענומען מיינע קינדער און - ווי מיינע 'גאר נאנטע' ידידים רופן עס -

זיי מקריב געווען פארן מולך...

פרעג נישט וואס דעמאלט איז געווען, איך האב מיך אנגעפאקט די טאשן מיט גאר פרישע געצייטיגטע תאנים... יא! פייגן... אין איין טאש, אינעם צווייטן טאש האב איך אריינגעטאן פולע גרוגרות און צימוקים... און כסדר גייענדיג אין מקוה, בית המדרש, אין גאס, אויף שמחות, צווישן נאנטע צווישן ווייטע, צווישן קרובים און ידידים, און מען האט מיר אזוי געבליקט... האב איך געהאט גרייט אין קעשענע גענוג און נאך פאר יעדעם איינעם... איך האב געטיילט פייגן רעכטס און לינקס, פאר ווער עס האט נאר געוואלט, איינער האט באקומען א פריש געצייטיגטע פייג, א צווייטער א געטריקנטע, בקיצור....

דא האט זיך ווייטער ארויסגעשטעלט די ווארהייט פון די אלע וואס שרייען שוין יא-א-א-רן: מען פאר...צערך אויף אומאן, און מען טו...צערך וואס מען וויל, ווייטער האט ער זיך געטון וואס ער וויל, איך האב פשוט און פראסט חתונה געמאכט מיינע קינדער יונג, זיי געראטעוועט פון עבירות, אן זיך רעכענען מיט קיינעם... נו פרעג איך דיר! פרעג איך דיר...!

נאך א זאך וואס איך האב זייער געוואלט

איך האב זייער געוואלט פארן קיין.... - יא איר האט צוגעטראפן - קיין אומאן אויף ראש השנה, איך האב געוואלט גיין צו א צדיק וואס האט מיר צוגעזאגט ער וועט מיך אויסוואשן, ער וועט מיך מאכן בענקען צום אייבערשטן, ער וועט מיר רייניגן מיין מח, עפענען מיין פארשטיינערטע הארץ, (אויף לשון קודש הייסט עס ארויסנעמען פון שאול תחתית) איך האב געבענקט, גע'חלש'ט, איך האב אזוי שטארק געוואלט טון די מורא'דיגע זאך פאר מיין נשמה.

אבער עס איז געווען ביטער שווער, ווייל ווען עס איז געקומען צו רעדן דערפון האט מיין ... זאל זיין געזונט געהאקט אין טיש, ער'ט מיך געווארנט: אויב פארס'טעך אויף אומאן קומט א גט! שרעקעדיג!

(זייטיגע נאטיץ בשעת'ן האק אין טיש, איז געווען א קאווע אויפן טיש, און ווען דער ...... זאל זיין געזונט האט געגעבן א האק אין טיש, פונעם קראך... האט זיך די קאווע געגעבן אזא טאנץ אונטער, און א שפריץ געטאן אויף מיין נייעם טלית קטן... זארג נישט, מען וועט עס נאך אמאל אויס'ראפעל'ען פאר גוט געלט, א מסירות-נפש'דיגן טלית קטן... ווארט נאר די חברה וועלן נאך אמאל פארקויפן צוזאמען מיטן הייליגן זיידן'ס אנגעגאסענע בעקיטשע...
יא יא! היסטאריע חזר'ט זיך איבער, יעצט ווען מען הערט אזא מעשה, קומט ארויף די בלוט אין קאפ, וואס איז מיט כיבוד אב ואם, וואסערע מין אומדערהערטע חוצפה דאס איז, א מין א עזות א צולאזענקייט, ער טרינקט דעם ...'ס בלוט! ער מאכט קראנק זיין טאטע! אבער אין פופציג יאר ארום וועלן טאקע די אייניקלעך פון די יעצטיגע מגידים און מושלי משלים מאכן דערפון מטעמים.... איי! די אמאליגע אידן! איי! די מסירות נפש אידן! ווי נעמט מען די מסירת נפש פון אמאל, ווען עס איז געקומען צו אידישקייט האט מען אויף גארנישט געקוקט! יא! לאך נישט! פונקט ווי עס איז געווען אין די צייטן פון תלמידי בעל שם טוב זי"ע. בשעת מעשה ווען די טאטע מאמע האבן געכליפעט, געריסן קריעה, אז נעבעך דער זון איז נעבעך פארכאפט געווארן אינעם נייעם כת, ער איז רחמנא ליצלן געווארן א ברסלב... א חסיד. און דער שווער דער מתנגד האט געווארנט זיין טאכטער: ווילאנג דיין מאן טשעפעט זיך נישט אפ פון די קולט פון חסידים גיי נישט אהיים צו אים, דעמאלטס איז עס געווען פונקט אזוי ג-ע-פ-ע-ר-ל-י-ך פונקט ווי יעצט, די גוטע פיסקלעך, די דורשי דרשות, האבן אנגעהעצט זייערע צוהערער ווי די כת פון חסידים טרעטן אויף די גאנצע תורה, זיי גלייבן נישט אין שכר ועונש, ביי זיי עקזיסטירט נישט די מצוה פון כיבוד אב ואם, אבער היינט דערציילט מען עס מיט אזא נאסטאלגיע, איי! ווי נעמט מען די פארצייטערישע מסירות נפש! האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו, ואת אחיו לא הכיר ואת בניו לא ידע, איי! אמאל! אמאל איז געווען, די אמאליגע אידן ווען ס'איז געקומען צו גיין צום רבי'ן האט מען אויף גארנישט געקוקט, מען איז געגאנגען מיט מסירת נפש, אז דו ווילסט לייקענען ווארף שנעל ארויס אלע ביכלעך פון סיפורי צדיקים).



מיט אלע אנשרעקעניש, מיט אלע שוועריקייט, האב איך זייער געוואלט פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה קיין אומאן, פון די אנדערע זייט איז אבער ביטער שווער געווען, נישט גרינג זיך צו שלאגן מיט יעדעם, נישט גרינג די נסיעה, בפרט יעצט אין די מלחמה צייט, זייער שווער געווען איבערצולאזן דאס ווייב אליין אויף יום טוב מיט פיצלעך קינדער, אוודאי זי האט זיך טאקע געבעטן ביי מיר, זי האט געשריגן: "פאר צום רבי'ן" "קוק נישט אויף גארנישט", (ווען נישט איר ווער ווייסט צו איך וואלט נאך געפארן...) אבער שווער איז עס געווען.

אבער איך האב דאך אזוי שטארק געוואלט א טובה טון פאר מיין נשמה, איך האב אזוי שטארק געוואלט פועל'ן א גוט יאר פאר מיר, פאר מיין ווייב, פאר מיינע קינדער, פאר מיין טייערע טאטע מאמע, פאר מיין טייערע שווער און שוויגער, איך האב געוויסט אז דארט ביים רבי'ן - וואס האט צוגעזאגט אז ער וועט זיין א גוטער לויער פאר ווער עס וועט קומען צו אים אויף ראש השנה - וועל איך קענען פועל'ן פאר יעדעם כל מיני ישועות.

געוואלט האב איך זייער שטארק, אבער עס איז מיר געווען זייער שווער.

# זכותים בבנין

בראש השנה דנין את
האדם כמה יפסיד, ואם
זכה נותן זה הממון לעניים.

(ספר המדות, צדקה אות כ.)

---

זיך איינצוהאנדלן א זכות אינעם בנין בית התבשיל
ווענד אייך צו מוה"ר יחזקאל סאמעט שליט"א

**347.452.1936**

זכות
## שם הבנין
$250.000.00

זכות
## חלוקה צימער
$75.000.00





*sruliHeskel

זכות
**סטארידש**
$50.000.00

זכות
**קאך**
$50.000.00

זכות
**חדר אוכל מענער**
$36.000.00

זכות
**חדר אוכל פרויען**
$36.000.00

זכות
**שטח חלוקה**
$36.000.00

זכות
**פרידש**
$25.000.00

זכות
**פריזער**
$25.000.00

זכות
**שער** X6
$25.000.00

זכות
**HIGH LOW**
$18.000.00

זכות
**אבני יסוד**
$10.000.00

זכות
**אבני זהב**
$5.000.00

זכות
**אבני כסף**
$2500.00

זכות
**אבני נחושת**
$500.00

# קרן הבנין



אטעט דא! טאקע דא! אין דעם סיטואציע איז אין מיר אריינגעקומען אזא פורים'נאכמיטאג'דיגער צולאזנקייט, אזא מין הוללות, א לייכטזיניקייט, א פריקת עול אויף א פארנעם וואס מען זעט נישט. זיך נישט מאכן וויסענדיג פון אלע סטראשערייען און אפשרעקונגען האב איך געהויבן הענט און פיס און געלאפן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, נו! א פריקת עול אויף א פארנעם וואס מען זעט נישט!

דא האט איר נאך א דוגמא פון דעם ווערצהויז'דיגער געפירעכץ... פון דעם אומאן געפארערכץ און זיך געטועכץ וואס אימער מען וויל זיך.

נו פרעג איך דיר! פרעג איך דיר!

אוי דאס ווינט פון הפקירות וואס דער אומאן'צער האט אריינגעברענגט... איך רעכן דיר פשוט אויס קליינע עפיזאדן ווי דער אומאן האט מיך געטריגערט ס'גאנצע יאר אויף הפקירות אויף א הויכע שטאפל.

ווער רעדט נאך ווען עס איז געקומען דער יום הדין, ווארט... איך רעד נאכנישט פון ראש השנה, איך רעד פון דער טאג וואס 'פלען איט רייט' איז ארויס מיט א דעקלעראציע - ערגעץ צווישן פורים און ראש חודש ניסן - אז יעדע איינציגע טיקעט קיין אומאן וועט קאסטן 2 מיט עפעס טויזנט! אך און וויי אויב עס גייט אריבער די דאטום פון ראש חודש אב... איך מאך מיר א שנעלע חשבון... איך מיט מיינע קינדער... איך צי אריין א גוטער אטעם... אבער תיכף דערנאך איז געקומען א שטילער ליארעם: אכטונג! בעטן אין אומאן זענען שוין כמעט אויספארקויפט... די פרייז פון א בעט איז נישטיגע טויזנט דאלער...

נו! א קיימא לן פון... נו לאמיר מאכן א שנעלער חשבון... נו! קענסט נישט רעכענען?

נו איך קען מיך טון וואס איך וויל, נו וואס איז די פראגע בכלל, איך וועל טון אלעס אין די וועלט צו קענען טון וואס איך וויל, נו אז איך וויל ’זעך‘ פארן אויף אומאן וועל איך ’זעך‘ שאפן די ניינצן צוואנציג אלפים.

חול המועד פסח האב איך בדרך צחות אריינגעווארפן פארן טרעוול אגענט א אלף'ל... וואס איז דען טויזנט דאלער ווען דו דארפסט שאפן צוואנציג? נו דאס זאג איך דיר דאך, עס איז בדרך צחות... איך האב עס אים געגעבן... איך האב מיך געפריידט אז ער האט עס גענומען... איך בין צופרידן...

אבער שלא בדרך צחות האט מען שוין געשפירט ביי מיר אין שטוב, אלע האבן געוויסט אז מען גייט איינציען דאס פאסיק, מיין ווייב האט אויך גוט געוויסט אז דאס ’צעך‘ פארן אויף אומאן וועט ’צעך‘ קאסטן א צוואנציגער, און עס וועט ’צעך‘ נישט ערלויבן היי יאר איבערמאכן דאס פארשימלטע קעכל וואס ווארט שוין אויף א תיקון פולע יארן... מען וועט עס מוזן לאזן פאר א יאר וואס מען וועט ’צעך‘ נישט קענען טון וואס מען וויל...

(א זייטיגע מחשבה'לע קומט מיר אריין, איך גלייב אז עמיצער וואס ווערט באצאלט א פעטע טשעק'ל, כדי אויפטרעטן מיט א דרשת התעוררות לתשובה, אז מען זאל אכטונג געבן נישט חס ושלום פארן אויף אומאן, דער טשעק'ל איז גענוג און נאך אויף צו דעקן הוצאות פאר א שיינע נייע קאך לכבוד יום טוב! ניין?

וואס טראכסטו? דו טראכסט אז איינער גייט רעדן בחינם? נא! זיי נישט אזא פאנאטישער! ער איז דאך א איד... ער גלייבט דאך אין שכר... גיין געבן א דרשת התעוררות? עס גייט זיך נישט... מען גייט נישט אין ערגעץ... אומבאצאלט... אז עס איז נישט דא קיין טשעק'ל איז נישט דא קיין התעוררות לתשובה דרשה... דער גלייבט דאך אין שכר ו... עונש ווייס איך נישט... אבער שכר. סיאינג איז בעליווינג... אז מען זעט נישט דעם טשעק'ל גייט מען נישט! מען זעט דאך שוין אין די תורה 'אשר שכר עליך את בלעם בן בעור...' קיינער שעלט נישט אויב געט מען נישט קיין מלא בית כסף וזהב...

איז יעצט אז ער ציט ארויס א שיינע געהאלט... וויל איך פרעגן בדרך צחות, נו אז ער ציט ארויס... וואו ער לייגט עס? אין באנק? נא! גלייב מיר אז זיין קאנטע איז געשטאפט פון אזוי פיל התעוררות... איך גלייב שווער אז אין באנק גייט נאך עפעס אריין... איך וועל אייך זאגן, אז ער ציט ארויס לייגט ער עס גראד פאר א נייער דעזיין פונעם הערליכער קיטשן...

אבער אז מען וויל ’זעך‘ טון וואס מען וויל, מוז מען ’זעך‘ פארן אויף אומאן, און ווי געזאגט איז דאס ערשטע דערמאנונג מיינע געווען יענער ערב שבת חנוכה, פון דארט און ווייטער איז עס שוין געגאנגען אויף דעם זעלביגן מהלך, וויסנדיג אז כדי אנצוקומען צו אומאן, איך מיט מיינע קינדער, מוז איך אריינווארפן מיט א געוואלדיגע הפקרות און צולאזענקייט אן אלפ'ל צווי, כדי נישט צו פארפאסן די 'ספעציעלע פרייז' וואס איז נאר ביז ר"ח אב.

אין שטוב האבן מיר עס געשפירט אויף טריט און שריט, מען האט זיך גוט איינגעצויגן דאס פאסיק, מען וועט מוזן גיין מיט פאריריגע קליידער! יא! מען וועט מוזן פארציכטן אויף א נייעם אנצוג אויף יום טוב! ווילאנג די טיקעטס און די בעטן זענען נישט אויסגעצאלט איז דא איין זאך וואס מען קען טון, מען קען זיך טון וואס אימער אין דער וועלט מען וויל... חוץ פון דעם גארנישט...

אזוי האבן מיר ביז ראש חודש אב געקראצט, געבארגט, געשוויצט, געגאנגען נאך געלט, בעסיקלי מ'האט געטון וואס מען האט געוואלט צו שאפן געלט ’זעך‘ צו פארן אויף אומאן, דאס איז פשוט געטון געווארן ווייל דאס איז אזא נייע רחניות'דיגע סטייל... כאפסט? פאר דעם נייעם רחניות'דיגער סטייל האב איך געקלעטערט אויף גראדע ווענט צו שאפן צוואנציג אלפים פון וואו? פרעג מיך נישט! אפשר פון דארט ווי דער רבי לייגט דעם וואס ער ציט ארויס פון שאול תחתית... נישט אפשר! זיכער! פון ווי דען קומט אויסגעוויינטע געלט, געוויינט א גאנץ יאר טאג נאך טאג און געבעטן: "רבונו של עולם פליז איך מוז זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה, איך בעט דיך געב מיר געלט דאס צו דעקן" פון וואו קומט אזא געלט אויב נישט מתחת כסא הכבוד, אויב נישט פון גן עדן!

נו מ'זעט דאך טויזנטער אידן פארן זעך אויף אומאן, וואס איז פשט דערפון, וואס געט זיי די דרייוו, קען דען זיין אז נישט דאס געבעט דעם דרייוו פאר אזויפיל טויזנטער מענטשן צו פארן אויף אומאן? און פאר די הונדערטער טויזנטער וואס קומען נאך דערוויל נישט, אבער זיי בענקען אין הארצן מתי יבא לידי ואקיימנו, עס מוז דאך זיין עפעס א דרייוו וואס שטופט אזוי שטארק יעדע אידישע נפש צו זיין ראש השנה קיין אומאן, ווילסטו מיר סתם

לייקענען און זאגן אז דאס קומט נישט פון דאס וואס ליגט אונטערן באוואוסטזיין, אז מען וועט 'זער' פארן אויף אומאן וועט מען 'זער' קענען טון וואס אימער אין די וועלט מען וויל...?

עס מוז דאך זיין עפעס גאר א שטארקער כח וואס שלעפט אזויפיל נשמות צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה בפרט ווען מען הערט במשך די יאר כסדר די נייעס:

פוטין האט געסטראשעט אז ער גייט ניצן נוקלעאר....

זעלענסקי האט געווארנט אויף א ערנסטע קאנטער אפענסיווע...

יאווגעני האט יעצט אריינמארשירט צום פארשטאט פון מאסקאווע...

רוסלאנד האט געצילט א וואפן זאפאס גאר נאנט צו אומאן....

כהנה וכהנה די כסדר'יגע נייעסן וואס קומען פון די רוסלאנד-אוקריינע מלחמה

הערנדיג די נייעס די בלוט דרוק גייט ארויף! די הארץ ווערט פארפאניקט!

אבער דער רחניות'דיגער סטייל פון צולאזענקייט... הפקרות פון 'זער' פארן אויף אומאן און 'זער' קענען טון וואס מען וויל דאס בארואיגט די געוויסן, "עה! עס איז איבערגעטריבענע נייעס! די נייעס ווארפט סתם א פאניק! עס איז פשוט פעיק ניוז!

און אפילו נייעס'ער וואס מען הערט פון גאר קראנטע מקורות, האט אבער די פארגרעבטקייט פון 'זער פארן אויף אומאן' אזא כח צו פארשטילן די פחד... ווען אין הארצן זינגט זיך דעם "בשררות לבי אלך למען ספות הרוה את הצמאה" דער גאנצן פסוק דארטן... "וישמן ישורון ויבעט..." "שמנת עבית כשית..." די באקאנטע פסוקים וואס איז איינגעג'חזר'ט ביי די שכורי חרב, באצאלטע מושלי משלים, מגידים און בעלי דרשנים...

בפרט ווען עס איז שוין געקומען די סאמע לעצטע מינוטן ווען מען האט זיך אריינגעזעצט אינעם קאר זעך צו פארן צום לופטפעלד צו פארן קיין אומאן, און מיט צאפעלדיגע הערצער אנגעהויבן די קרוב צו 40 שעה'דיגע נסיעה, א נסיעה וואס לאזט נישט איבער קיין גאנץ ביינדל, א נסיעה וואס מאטערט אויס דעם גוף צו די מעקס...

דארט האט זיך שוין גאר שטארק דערקענט דאס זעך טון וואס מען וויל, יעדער - אפילו דער ברסלבע'ר וואס זיי וואלטן דאך געדארפט פארענטפערן זייער רבי'ן, האבן אויך קלאר געזען אז מען איז ארויס פון אלע גדרים און מען האט מיט אן אמת זיך אנגעהויבן טון ככל מה שליבו חפץ... אלעס מיט דעם לייכטזיניגן געדאנק אז מ'פארט זיך דאך אויף אומאן... און מען קען זיך טון וואס מען וויל...

אדרבה ירא הקהל וישפוט ווי נעמען מענטשן די כוחות צו אזא נסיעה.

פון שטוב צום לופטפעלד - ווארטנדיג ביים געיט צו בארד"ן אינעם הייסן צושטופטן לופטפעלד - אקעי! נאר א צוויי שעה דילעי... נישט געפערליך... - נישטיגע... אכט שעה אויפן פליגער קיין פוילן! - געלאנדעט אין ריישא... - (אה! איך כאפ מיך יעצט פארדעם הייסט עס ריישא... זייער פשוט ווייל ווען מען קומט דארט אן ווייס מען אז עס הייבט זיך יעצט אן די רישא פון די נסיעה...) מען שטייגט אויף אויף די באסעס... נישט קיין לאנגע נסיעה קיין ליזענסק - עפעס איבערצובייסן... א מקוה... געגאנגען ווייטער... צוריק צו די באסעס... איינער איז מיט מיר?

מען פארט צום באן סטאנציע עס געפינט זיך אין פשעמישל... וואס ווילסטו, איך זאל טוישן די נאמען פון דעם שטאט? אזוי הייסט די שטאט... קענסט לאכן אדער וויינען פע שע מיש'ל די ל' איז אפשר מלשון חיבה... ווער ווייסט, דארט געפינט זיך א באן וואס פארט ביייייייייייייייז פאר די נשמה גייט ארויס...

ערגעץ אינמיטן די דרימל אויפן באן, א הונטל דרייט זיך הונטער די פיס... אוי ווי בין איך, ער פארט זיך אויף אומאן... אה! דאס זענען דאך די גרעניץ וועכטער, זעט אויס זיי ווילן אויך זיכער מאכן אז מען טוט זיך נישט וואס מען וויל... ס'הייסט... עס פארט דאך א גאנצע באן וואס אט אט גייען זיי זיך זיין אין אומאן... דער הונט האט דאס אויך דערשמעקט אז מען גייט נישט אין ערגעץ... עירקאנדישן איז דאך אויך נישט דא... האט ער פארשטאנען אז עס איז קלאר מען גייט נישט אין ערגעץ מען גייט פלאקערן דא אין...



קיינער ווייסט נישט ווי דער זייגער האלט... נישט אומזיסט זאגן אונז חז"ל אז ראש השנה איז א יומא אריכתא... מען פארט און מען פארט, האלב פון די ביינער זענען שוין צובראכן... מען איז דאך ארויס פון אמעריקע ווען עס האט נאך געטאגט און עס איז נאך אלס נישט נאכט... 'שמש בגבעון דום' די זון האט זיך אפגעשטעלט... נישט דא קיין שלאף, נישט דא קיין נאכט... דאס יא, דער באן האלט זיך אין איין אונטערטאנצן מיט אזא פורים נאכמיטאג'דיגע שטימונג... יא! מען גייט זיך שוין טון וואס מען וויל...

ענדליך א קנאפע ניין שעה'דיגע נסיעה, מען שלעפט שוין ווייטער די ריזיגע זעק אראפ פון באן ארויף צוריק אויף די אוטאבוסן.

נאך א צוויי דריי שעה וועג מיט באקוועמע

אוקריינער באסעס... ענדליך מען זעט זיך שוין אין אומאן.

קנאפע פערציג שעה זיך געוואלגערט פון מדינה צו מדינה, פעקלעך ארויף, פעקלעך אראפ... יעדעס אבר פון די רמ"ח איברים, יעדעס גיד פון די שס"ה גידים ווייסן שוין אז מען איז זיך געפארן אויף אומאן... נישט נאר גוטע אידן פראטעסטירן אויף די קלות'דיגע געפארעכצער... נאר די אלע רמ"ח און שס"ה זענען אויך זייער נישט צופרידן אז מען האט זיי געשלעפט אן קיין שלאפן, אן קיין נארמאלע בית הכסאות אין היצן, אין קעלט, געטאנצן אויף באסעס באנען און עראפלאנען...

קוים קוים פארמאכט א אויג במשך די לאנגע אויסמאטערנדע נסיעה, א שעה דא א שעה דארט.

שוין אנקומענדיג קיין אומאן ווער עס באאבאכט די פארשוינען ארויסרינען פון די באסעס ריכטענדיג די פיס טריט צו די באראקן דארט אין אומאן ווי מען וועט ווייין אויף יום טוב, האט באלד געזען אז דאס זענען נישט מער ווי ראבאטן וואס שלעפן פעקלעך... וואס זוכן א שטיל ווינקל ווי אנצושפארן דאס אויסגע'הרג'עטע קעפל מיט די צובראכענע ביינער.

נַא נַא נַא! דאס קען נישט זיין מענטשן זאלן



אזוי זיך שלעפן פאר גארנישט עס מוז דאך זיין א זיי ווערן מאטיוועטירט פון די הפקרות'דיגע צולאזענע בשרירות ליבי אלך... וואס טוט מען דען נישט אז מען זאל זיך קענען טון וואס מען וויל...

שוין זייענדיג אין אומאן אז איך בין שוין דא לאמיך אריינטשעקן צום ציון, אוי די הימל שפאלטנדיגע געוויינען אם אבן הוא נימוח, וואס גייט דא פאר, וואס איז די געוויינעריי?

איך בין חושש... קוק אהער מען רעדט דאך דא פון פארגרעבטע הפקרות'דיגע מענטשן, מענטשן וואס זענען מפקיר אלעס אבי זיי זאלן זיך קענען טון וואס זיי ווילן... קען זיין אז דאס איז טאקע די סיבה... דאס געט זיי טאקע די כוחות וויסנדיג פון אונטערן באוואוסטזיין אז אט אט גייט שוין קומען די גוטע חלק מען גייט זיך שוין קענען טון וואס מען וויל... ווער וואלט דען נישט געטון אלעס אין די וועלט 'זיך' צו קענען טון וואס מען וויל...

ערב ראש השנה... איך שטייג ארויף אויפן שאטעל לאמיך א קוק טון ווי עס קוקט אויס ערב ראש השנה א פורים נאמיטאג'דיגע שטימונג... איך כאפ הענט און פיס איך לויף צום ציון... א געדרענג פון הונדערטער טויזנטער אידישע קינדער... מאנכע גאר פארגרעבטע, זיי גייען מיט קאלירטע העמדער... אזעלכע קאלירן וואס מען זעט נישט ביי קיין היימישע אידן... מען זעט עס נאר בקצה המחנה... אין די גאר פארגרעבטע סטעיט'ס... קען דען זיין א איד זאל ערב ראש השנה - אן דאס מינדערסטן אימת יום הדין - ארויסנעמען פון לעדל א קאלירט העמדל און דאס אנטון, דאס קען דאך נאר זיין אז ער איז אין גאר גאר א נידריגע מצב... סניקער'ס? ווי וואגט זיך א איד אריינצושטעלן זיינע פיס ערב דעם הייליגן יום הדין אין דעם פארגרעבטן מלבוש סניקער'ס... מען מוז דאך דא רעדן פון גאר פארדארבענע יונגען...

נו ווי קומט דא די הימלען שפאלטן פון בכיות, אויף אלע זיבעציג שפראכן, מען קען הערן מענטשן עפען זיך אויף אינגאנצן פארן בורא כל עולמים... עס כאפט מיר טשילס... עס ציטערט מיר די ביינער... עס צורייסט מיר מיין נשמה... אזעלכע וידיים, אזעלכע יללות אויף אלע עבירות וואס מען געדענק וואס מען

האט געטון א גאנץ יאר, עס מישן זיך אויס די טייכן טרערן מיט די טייכן שווייס, שטייענדיג צוגענאגלט צום ציון המציונת...

איך בין חושש... קוק אהער, מען רעדט דאך דא פון פארגרעבטע הפקרות'דיגע מענטשן, מענטשן וואס זענען מפקיר אלעס אבי זיי זאלן זיך קענען טון וואס זיי ווילן... קען זיין אז דאס איז טאקע די סיבה... דאס געט זיי טאקע די כוחות וויסענדיג אונטערן באוויסטזיין אז אט אט גייט שוין קומען די גוטע חלק מען גייט זיך שוין קענען טון וואס מען וויל... ווער וואלט דען נישט געטון אלעס אין די וועלט 'זיך' צו קענען טון וואס מען וויל...

עס איז שוין ראש השנה... קוים געקענט כאפן א שלאף נאך די סעודה ביינאכט... און איך הער שוין ווירבלען... וויפיל אזייגער איז? עס טוט זיך, מען לויפט אין מקוה, מען הערט קולות שוין פון די הארצרייסענדע ברסלבער נוסח, אוי עס מוז זיין 12 נאכמיטאג...אבער... עס איז דאך נאך טינקל אינדרויסן... די זייגער ווייזט 4:45, אנדערש פון יעדעם ווער איך דאך נישט זיין.

עס טוט זיך א געלויף... יעדער מיט די האנטוך אויף די פלייצע, מיטן אימת יום הדין מען זאל חס ושלום נישט אריינשלאפן אינעם עלות, מען קען דאך באלד פארשלאפן די מזל. דער מיט א תהלימ'ל, דער מיט א משניות, דער מיט א גמרא... פינף אזייגער פארטאגס?

איך בין חושש... קוק אהער מען רעדט דאך דא פון פארגרעבטע הפקרות'דיגע מענטשן, מענטשן וואס זענען מפקיר אלעס אבי זיי זאלן זיך קענען טון וואס זיי ווילן... קען זיין אז דאס איז טאקע די סיבה... דאס געט זיי טאקע די כוחות וויסענדיג אונטערן באוויזטזיין אז אט אט גייט שוין קומען די גוטע חלק מען גייט זיך שוין קענען טון וואס מען וויל... ווער וואלט דען נישט געטון אלעס אין די וועלט 'זיך' צו קענען טון וואס מען וויל...

שטייט זיך א ווייבל אין די ווייטע ניו יארק, גראדע גאר א גוטע שלום בית, דער מאן באקומט אין קאפ אריין יעדן שני וחמישי פון זיין משפיע 'רעד שיין צו דיין ווייב... לאז איר נישט פאלן פון די כוחות... העלף איר מיט די פיצלעך קינדער... בלייב נישט אינדרויסן שמועסן מיט חברים... די ווייב איז די שכינה...

קוק אויף איר ווי מען קוקט אויף א קעניגין...' ווי לאזט זי איר מאן אוועקפארן פאר א וואך בלייבן אליין מיט פיצלעך קינדער ווען זי איז אין אנדערע אומשטענדן, פאלט פון די כוחות, און זי בעט זיך ביי איר מאן: "מיין טייערע מאן פאר, גיי קיין אומאן." פון ווי נעמט מען די כוחות?

איך בין חושש... קוק אהער, מען רעדט דאך דא פון פארגרעבטע הפקרות'דיגע מענטשן, מענטשן וואס זענען מפקיר אלעס אבי זיי זאלן זיך קענען טון וואס זיי ווילן... קען זיין אז דאס איז טאקע די סיבה... דאס געט זיי טאקע די כוחות, וויסענדיג אונטערן באוויסטזיין אז אט אט גייט שוין קומען די גוטע חלק, מען גייט זיך שוין קענען טון וואס מען וויל... ווער וואלט דען נישט געטון אלעס אין די וועלט 'זיך' צו קענען טון וואס מען וויל...

אוי טרערן פליסן פון די אויגן ווען מען טראכט וואס דער גלות האט געמאכט פון אונז, אוי עס רייסט ארויס א געוויין פון טיפעניש פון הארץ. טאטע, טאטע רחמנות'דיגער פאטער, ווי האסטו אונז איבערגעלאזט? אויב דאס זענען אונזערע מנהיגים, אויב דאס איז דרשת התעוררות לתשובה, נו ווי אזוי ווילסטו אז דיינע קינדער זאלן תשובה טון.

רחמנות'דיגער באשעפער די הארץ ווערט צושניטן, אויב מיינט התעוררות לתשובה בארעדן צדיקים קדושי עליון, תלמידי בעל שם, אויב דאס איז די דעפענישן פון תשובה, חוזק מאכן פונעם צדיק וואס קען עפענען א הארץ פון א איד און אים מאכן תשובה טון, נו ווי אזוי טאטע זיסער ווילסטו אז מיר זאלן תשובה טון?

יא! עס ליגט א חוב אויף אונז ברסלב'ע חסידים צו פארענטפערן... נישט דעם רבי'ן, נאר צו פארענטפערן די הארצרייסנדע טענות צום אייבערשטן, סיי מיט תפילות בעטן און בעטן: גאט אין הימל ווען וועסטו שוין אראפנעמען דעם שרעקליכען שם רע וואס די מנהיגים האבן ארויפגעווארפן אויף די צדיקים וואס זיי - און נאר זיי - קענען ארויסנעמען א מענטש פון זיין שאול תחתית.

זיצט א בחור אין ישיבה ער וויל אזוי שטארק זיין ערליך, אבער ער קען נישט, דער יצר הרע איז שטערקער פון אים, ער וויל שוין נעמען די תורה, וואס דאס איז די איינציגסטע וועג בייצוקומען די יצר הרע, קומט דער מתיקות'דיגער מגיד שיעור און מאכט אים משוגע מיט בחינות, מיט פומבי, דער בחור ווייסט נישט וואס דו ווילסט פון אים, זיין קאפ איז אין די מאווי וואס ער האלט אינמיטן קוקן (וואס מיינסטו אז ענדרויד און עפל האט עפעס ארויסגעלייגט ריסטריקשאנ'ס, די און די סעריעס קען מען נישט קוקן מיט קיין שווארצע ברילן... אדער אויב מ'גייט אנגעטון אין א שווארץ-גרינער כאלאט...), ער וויל אזוי שטארק אבער פון אלע זייטן האלט מען די שטריק ארום זיין האלז, אלעס אבער נישט עצתו אמונה, נישט די האטליין, אויב יא וועסטו נישט טרעפן קיין שידוך, וועסט זיין א פארשעמטער, בקיצור, דו וועסט נישט האבן קיין מנוחה אויב דו וועסט טון וואס דו ווילסט באמת, פשוט זיך דראפענען צו קענען זיך האלטן ביי אידישקייט!

זיצט א מיידל אין סקול, מיט אייזענע רצונות, זי וויל בלייבן ערליך, אבער וואס זאל זי טון אז זי ווייסט צופיל, יא! אינדרויסן זעט זי אויס ווי א פשוטע ערליכע מיידל, אבער די נסיונות האבן איר נישט אויסגעלאזט, ענדליך זי האט געטראפן א נומער פון א האטליין וואס רעדט פאר איר נשמה, געב נישט אויף, ווי דו ביסט קענסטו תשובה, טון דער אייבערשטער איז מיט דיר, ווי דו ביסט געפאלן קענסטו דיך אויפהייבן, דא קומט א רעדנערין און פלאגט אויס איר רעספערעיטאר, זי איז איר מסביר ווי שעדליך די האטליין איז, און אז דאס איז נישט פאר איר, דאס קען שאטן, דאס איז א קולט, און אז מ'וועט איר מוזן שיקן אויף טערעפי ארויסהאקן די משוגעת פון קאפ, און זי גייט אויף נייע וועגן, און ס'וועט אריבער גיין, בקיצור דו וועסט נישט האבן קיין מנוחה אויב דו וועסט טון וואס דו ווילסט באמת, פשוט זיך דראפענען צו קענען זיך האלטן ביי אידישקייט!

זיצט א יונגערמאן אין כולל, ער מוז נעבעך זיצן דארט ווייל ער ציטערט פון זיין שווער, ער הארעוועט אויף דאס וואס ער האט געהארעוועט אין ישיבה, און די נשמה לעכצט אים נאך אביסל אידישקייט, קומט אזא תורה וגדולה איד צו צו אים, ער איז אים מסביר, וואס? דו זאגסט משניות? ביסט זיכער אז דאס איז פאר דיר? דו דרייסטיך דארטן? דו ווייסט נישט אז ס'ארבעט נישט אזוי, מ'האט נישט געהאלטן דערפון, אוי ער וויל אזוי שטארק זיין ערליך, אבער מען לאזט אים נישט טון וואס ער וויל, ער זעט שוין אז ער וועט נישט האבן קיין מנוחה אויב ער וועט טון וואס דו ווילסט

**איך כאפ הענט און פיס איך לויף צום ציון, א געדרענג פון הונדערטער טויזנטער אידישע קינדער, מאנכע גאר פארגרעבטע, זיי גייען מיט קאלירטע העמדער... אזעלכע קאלירן וואס מען זעט נישט ביי קיין היימישע אידן, נאר בקצה המחנה..**

באמת, פשוט זיך דראפענען צו קענען זיך האלטן ביי אידישקייט!

אין ארבעט, אוי געוואלד, ארויסגעקומען ריין פון ישיבה, אויך א נס, ריין פון כולל נאך א נס, יעצט זיצט ער ווען פון די זייטן ברענען פייערן, פון רעכטס זיצט א קאלעגע ארבעטער, גראדע א וואוילער יונגערמאן, וואס האט אויך אמאל נישט געוועדט פון פרויען, פון עקטערססעס און פון זינגערינ׳ס, אבער זינט מען האט אים אפגעהאקט פון די שעדליכע עצתו אמונה, האטליין, שיעורים און יו עס בי׳ס, האט ער מער נישט קיין כוח צו זיין שטארק איבער די נסיונות, און ער רעדט גראב און געמיין, דאס איז פון די רעכטע זייט. לינקס זיצן א שטאב פון סעקרעטארטשע׳ס, וואס מען מוז זיין צו זיי ״פשוט מענטשליך״ מען מוז זיי באגריסן, מען מוז זיי קוקן אין די אויגן ווען מ׳רעדט צו זיי, ער האט שוין געכאפט די ערשטע טאג - ווען ער האט אנגעהויבן ארבעטן - פונעם מענעדזשער אז ער זאל שוין אויפהערן דא מיט די ישיבה קטנה מעשיות, דא קומט מען ארבעטן! פארשטאנען?! און אז עס מאכט זיך אמאל א שמועס, און ער ווערט פארברענט פון לינקס, פארנט האט ער א סקרין וואס האט א וועג גראד אראפ אין שאול תחתית, און פון אונטער אים זיצט דער בעלעבאס וואס וויל פון גארנישט וויסן, ער וויל אזוי שטארק מיט אלע כוחות בלייבן א איד, אבער ער מוז ברענגען 4 אלפים רענט, און נאך 2, 3 פאר אנדערע חיי יום יום, ער וויל, ער וויינט, ווער פארשטייט א אידישע נשמה וואס וויל זיך טון וואס זיין הארץ באגערט.

זיצט א ווייבל, באפארעט מיט קינדער, איר מאן פלעגט איר נאך אמאל העלפן, ער פלעגט נאך אהיימקומען צו איר געבן א גוט ווארט, ביז מען האט אים אפגעהאקט פון די שעדליכע עצתו אמונה, האטליין, שיעורים יו עס בי׳ס, זיינע נייע רבי׳ס רעדן נישט פון דעם, מען וואונטשט ווייטער השפעות טובות, און ער יונג(ערמאן) פארברענט זיינע נעכט מיט חברים, און זי מוז לויפן צו לינקע טערעפיסטן וואס זענען איר מסביר, דו דארפסט קודם קוקן אויף זיך, לאז אפ תורה לאז אפ מצוות, עס איז הילינג, לאז דיין מאן, דיינע קינדער אויף הפקר, און שרייב נאטיצן אויף א סמארטפאון ס׳איז פיקוח נפש, און זי גייט צוגרינד, אבער זוכט און לעכצט צו טון וואס עס איז ריכטיג, זי וויל זיך באמת טון וואס זי וויל, זיין א אידישע ערליכע תורה טרייע פרוי, איזהו אשה כשרה העושה רצון בעלה, אבער ווי זאל זי באקומען דאס וואס זי וויל, האסטאך זיי אפגעהאקט פונעם לעצטן שורש וואס פארבינדט זיי מיט א וועג ארויס.

ער וויל פארן אויף אומאן זוכה זיין צו א תיקון פאר זיין נשמה, ער וויל לערנען סדר דרך הלימוד, ער וויל הערן אמונה, ער וויל אריינקוקן אין עצתו אמונה.

זיי ווילן סך הכל זיין אידן, אבער דו שטייסט און דו לאזט זיי נישט! מען קען זיך נישט טון וואס מען וויל, ווי קען מען עוקר זיין די מסורה פון ״מה יאמרו הבריות״?

יא! עס ליגט א חוב אויף אונז צו פארענטפערן... נישט דעם רבי׳ן דארפן מיר פארענטפערן, מיר דארפן פארענטפערן, מיט פארפלייצן און פארפלייצן און פארפלייצן, ווי מען גייט און ווי מען שטייט זאל זיין עפעס אין וואס זיך אנצוכאפן, עס זאל איבעראל זיין א עצתו אמונה... א גליון... א קרית ברסלב בלעטל... א חינוך בלעטל... א אשית לאיש... א אשר היה... א אשית עצות... א סיפורי מעשיות... א מעשה׳לך פאר קינדערלעך... א קארטל... א יו עס בי... אז דער רבי וועט ארויסנעמען כלל ישראל פון שאול תחתית זאל ער זיי אריינלייגן אין א משניות, אין א תהילים, אין א דף גמרא, אין א מעביר סדרה זיין, אין א רעדן א ווארט צום אייבערשטן...

יא יא! ׳מען פארט זיך אויף אומאן ווייל מען וויל זיך טון וואס מען וויל׳, מיר ווילן דאך אזוי, אזוי, אזוי שטארק זיין עליכע אפגעהיטענע אידן, מיר ווילן זיך טון וואס אימער מיר ווילן זיך, מיר ווילן אזוי שטארק זיך היטן די אויגן, חתונה מאכן די קינדער פאר זיי ווייסן פון עבירות, מיר ווילן אזוי, אזוי שטארק לערנען תורה פארן אייבערשטנ׳ס וועגן, מיר ווילן אזוי, אזוי שטארק זיך אויסגיסן דאס הארץ פארן אייבערשטן, מיר ווילן אזוי שטארק טראכטן נאר פון באשעפער, מיר ווילן אזוי שטארק יא! אין דעם ריזיגן גארבעטש קאנע פונעם יאר צוויי טויזענט פיר און צוואנציג למספרם - ווילן מיר אזוי שטארק אויפציען ריינע ערליכע קינדער, נו! דער יצר הרע לאזט ׳זיך׳ אבער נישט טון וואס מען וויל, ער באצווינגט אונז ׳זיך׳ מייאש צו זיין, פאר דעם פארן מיר ׳זיך׳ קיין אומאן צום רבי׳ן אז מיר זאלן ׳זיך׳ קענען טון וואס אין די וועלט מיר ווילן.

אה און יעצט א ווארט וועגן שכר ועונש...

יא! מיר ברסלב׳ע חסידים גלייבן נישט אין שכר ועונש! מיר גלייבן נישט אין זיך פארדינגען די נשמה פאר אפאר דאלער און רעדן אויף צדיקים... געווען ברסלב׳ע חסידים וואס האבן באקומען צוגעזאגט א אויסגעצאלטע הויז אויב זיי פארן נישט קיין אומאן! אבער עס האט נישט געהאלפן, יעדע אנבאט איז צוריקגעוויזן געווארן ווען עס איז געקומען צו די ריינע לויטערע אמונה, ניין! א ברלסב׳ער חסיד גלייבט נישט אין קיין שכר, מיר טוען וואס עס איז די רצון השם אפגעזען צו מען וועט באצאלן אדער פארלירן געלט.

און עונש... מיר גלייבן נישט אין די שטרענגע שטראף רייד... אנשרעקונגען... און סטראשינקעס, ברסלב׳ער חסידים ווערן כסדר געווארנט מיט אלע מיני עונשים, בזיונות, פארפאלגונגען, אויב דו וועסט גיין לערנען אין ברסלב וועסטו נישט קיין שידוך טון, אויב מען וועט גיין הפצה מיט די ברסלבע ספרים וועט מען פארמאכן דעם בית המדרש, אויב וועט מען ממשיך זיין מיט די ברסלבע זאכן, וועט מען ארויסווארפן די קינדער פון די מוסדות, אויב וועט איר ווייטער לערנען די ספרים וועט מען אייך אפסטעמפלען אלס א קולט, אויב פארסטו אויף אומאן קומט א גט. ברוך השם מיר שרעקן זיך נישט פון די עושנים, לא מעוקצך ולא מדובשך, מיר לעבן נישט פון אייער שכר... און מיר שטארבן נישט פון אייער עונש... נישט דיין האניג, נישט דיין שטעך, קיין שום זאך בייגט נישט דעם אמת׳ן ערליכן איד ווען עס קומט צו אמונה, אודאי! מיר פארשטייען אייך! עס טוט זייער וויי אז מען קען אין ערגעץ נישט אנכאפן דעם ברסלב׳ער און אים מאכן פאר א נארמאלער מענטש וואס טראכט נישט פון תכלית, מען קען אים נישט מאכן לעבן א פרומע-שוואוילטאג׳דיגער לעבן, יא! מיר פארשטייען אייך הונדערט פראצענט! עס איז זייער ווייטאגליך! אבער פארפאלן! דאס איז עס! דאס פארן קיין אומאן ברענגט אריין אזא עזות דקדושה, אז מען איז גרייט צו גיין אין פייער מיט מסירת נפש פאר די הייליגע לויטערע אמונה אין באשעפער און אין די צדיקי אמת.



בס"ד
RIALTO LIQUORS & WINES
SATMAR MEAT
סאטמאר פל"ש
FULL LINE OF FRESH MEAT AND TAKE OUT
סאטמאר פלייש אין
מאנטיסעלאו
שטייט בעז"ה פון היינט און ווייטער
אפן א גאנץ יאר
*Min $50 purchase, or delivery charge
SATMAR MEAT
טעגליכע דעליווערי!
ALL OVER THE CATSKILLS*
PHONE ORDERS WELCOME:
845.436.9400
Place your order before 12 for same day delivery
SATMAR SK KASHRUS
OPEN ALL YEAR ROUND
FALLSBURG 5239 Main St. S. Fallsburg, NY 12779
WHITE LAKE 3395 Rt. 55 White Lake, NY 12786
LIBERTY 1885 Rt. 52 Liberty, NY 12754
CATSKILLS Main Number 845.436.9400
BOW Call ext. 3 For Schdule
MONTICELLO 321 E Broadway Monticello, NY 12701
KIRYAS YETEV LEV 78 Main St. 845.316.9990
סאטמאר פל"ש
דקהל יטב לב
דער העכסטער סטאנדארט אין כשרות הבשר

# באר חנוך

**זיין פנים איז באקאנט זייענדיג דער באקאנטער רב אין די סאמע גרעסטע שפיטאל אין ארץ ישראל - רמב"ם שפיטאל, זיין פעדער איז באקאנט מיט זיינע קלארע שאלות ותשובות ספרים אויף גאנץ שלחן ערוך, זיין נאמען איז באקאנט אלץ רב און מו"ץ אין חיפה ווי ער פסקנט שאלות פיר און צוואנציג שעה א טאג** | לכבוד יום טוב סוכות שילדערט **הרב אברהם חנוך העניך פיעטרקובסקי שליט"א** ערשטמאליג זיין גאר רייכע היסטאריע און זיין ספעציעלע שייכות מיטן ראש ישיבה שליט"א | דיין לצדיקים

**אברהם הערש וועבערמאן**



אין א גרינעם דינסטאג פרשת בחוקותי תשפ"ד באקום איך א רוף פון מיין גוטער ידיד מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א אויב איך קען אריינגעמען צו מיר א גאסט פאר שבת. איך פרעג אים ווער דער גאסט איז, זאגט ער מיר א איד מיטן נאמען הרב אברהם חנוך העניך פיעטורקובסקי שליט"א, א חשוב'ער רב אין שטאט חיפה, ארץ ישראל.

נאכן הערן די אינפארמאציע האב איך גערן אנגענומען צו אריינגעמען דעם חשוב'ן גאסט.

ערב שבת אינדערפרי איז דער גאסט טאקע אנגעקומען צו מיר, איך בין נישט געווען אין שטוב ווען דער גאסט איז אנגעקומען, מיינע קינדער האבן אים שיין צוגעוויזן וואו זיין שטוב וועט זיין. ווען איך בין אהיימגעקומען האט זיך באוויזן צו מיר א בילד אויף וואס איך האב מיך נישט געראכטן, איך טרעף דעם איד זיצן פארנט פון די דירה מיט א אויסטערלישע רואיגקייט און לערנט פלייסיג ווי כאילו די וועלט איז געשטארבן, ס'איז גארנישט דא יעצט נאר זיינע שיעורים.

איך בין צוגעגאנגען אים געבן שלום עליכם, ער האט מיר צוריקגעגעבן א ברייטן געשמאקן עליכם שלום. נאכן כאפן א קורצע שמועס מיט אים, האב איך שוין געזען אז דא שטייט נישט סתם נאך א איד וואס מען טרעפט אין שול, מ'געט שלום און געגאנגען ווייטער, ניין! דאס איז א פערזענליכקייט, א חשובער רב וואס איך דארף מיך מיט אים מער באקענען, ער האט אסאך מער אינטער זיך ווי סתם אזוי אדורכווישן מיט א קליינע שמועס'ל.

אזוי האב איך מיר געטראפן ארומפירן דעם חשוב'ן רב ערב שבת ווייזן דעם שיינעם ברסלב'ן שטעטל, און אלעס וואס די שטעטל פארמאגט.

איך האב אים געוויזן די בתי מדרשים, די באזאר, די קיאסק, די ספרים סטאר און נאך.

פארשטייט זיך אויפן וועג האבן מיר פרובירט צו נאשן פון זיין רייכע

**"שפעטער האט ער אריינגעבערענגט א שותף אין די ביזנעס. דער שותף האט געהייסן א שיינער איד אין די קהילה, אבער ער האט ליידער גע'גנב'עט סחורה, עס אליין פארקויפט און גענומען די ריווח פאר זיך."**

היסטאריע נאך און נאך, וואס נאכן הערן זיין מעשה האב איך איינגעזען אז דאס וועט זיין זייער אינטערעסאנט אראפצושרייבן און איבערגעבן פאר די חשובע ליינער'ס, וואס וועלן אויך זיכער הנאה האבן אזוי ווי איך האב זייער הנאה געהאט און ארויסנעמען פילע שיינע לימודים דערפון.

•••

**לאמיר אייך נישט צו לאנג אויפהאלטן, נאר גלייך צוטרעטן צום ענין. לאמיר קודם הערן פונעם רב אליין, ווער איז דאס דער הרב אברהם חנוך העניך פיעטורקובסקי שליט"א פון שטאט חיפה**

איך הייס אברהם העניך פיעטורקובסקי, איך בין אויפגעוואקסן אין בארא פארק, געלערנט אין די גור'ער חדר מיטן נאמען יגדיל תורה. מיר זענען גור'ער אייניקלעך, פון מיין טאטנ'ס זייט זענען מיר אייניקלעך פון ר' שלמה'לע האלפער זי"ע פון טשערין. פון מיין מאמע'ס זייט זענען מיר אייניקלעך פונעם הייליגן גאון בעל ארך שי' ער איז געווען א דיין אין שטאט סיגוט נאך אין די צייטן פון הייליגן ייטב לב.

**הייסט, איר זענט אן אמעריקאנער געבוירענער. ווילאנג האט איר געוואוינט אין בארא פארק?**

ביז די פערצן יאר האב איך געוואוינט אין בארא פארק, שפעטער זענען מיר געפארן וואוינען קיין ארץ ישראל אין שטאט ירושלים, דארטן האב איך געלערנט אין גור'ער ישיבה - תפארת משה נתנאל, וואס איז אין געגנט פון הר נוף. שפעטער האב איך געלערנט אין ישיבה שפת אמת ביי הרב שאול אלתר שליט"א אין שטאט ירושלים. דערנאך האב איך ברוך השם חתונה געהאט קיין חיפה, ווי איך בין געווארן אן איידעם ביי מו"ה ארי'ה רובינשטיין הי"ו וואס זענען אייניקלעך פון הייליגן שפת אמת.

**וואס איז טאקע געווען די סיבה אז אייערע עלטערן האבן זיך אריבערגעצויגן קיין ארץ ישראל?**

מיין טאטע האט אלעמאל געהאט א שאיפה פאר תורה, ער פלעגט זיצן און לערנען. מיין באבע האט געפירט א ביזנעס וואס איז באשטאנען פון פארקויפן צירונגען. שפעטער ווען מיין





באבע האט געוואלט פארברייטערן די ביזנעס איז מיין טאטע אריין העלפן אין די ביזנעס. די געשעפט איז געשטאנען אויף די דרייצנטע עוועניו. מיט די צייט איז עס געווארן ברייטער און גרעסער.

שפעטער האט ער אריינגעברענגט א שותף אין די ביזנעס. דער שותף האט געהייסן א שיינער איד אין די קהילה, אבער ער האט ליידער גע'גנב'עט סחורה, עס אליין פארקויפט און גענומען די ריווח פאר זיך. מיין טאטע האט עס ערשט געכאפט אסאך יארן שפעטער, די געשעפט איז נישט געגאנגען און מיין טאטע האט נישט געוואוסט פארוואס, ביז מען האט אים געכאפט. ממש אזוי ווי דער ראש ישיבה רעדט אלץ אז מ'זאל נישט נעמען קיין שותף אין ביזנעס, און מ'זאל קיינעם נישט טראסטן, זאל ער זיין דער נענטסטער מענטש.

נאך די מעשה האט מיין טאטע מחליט געווען אז אפשר איז דאס א סימן צו גיין וואוינען אין ארץ ישראל און דארט עוסק זיין אין תורה און הוראה. דעמאלט האבן מיר זיך טאקע געצויגן קיין ארץ ישראל, דארט האט ער אנגענומען א משגיח פאסטן אין ישיבת עזר התורה.

דאס איז אנגעגאנגען פאר צען יאר, ער איז געווען א משגיח אין עזר התורה און געזאגט שיעורי תורה. נאך צען יאר האט ער געדארפט צוריקפארן קיין בארא פארק צוליב די דירה וואס ער האט דארט געהאט, ער האט געדארפט ערלעדיגן טעכנישע זאכן. אבער איך בין יא געבליבן וואוינען אין ארץ ישראל.

**מיר וועלן שפעטער צוריקקומען צו אייער שייכות אין היכל הקודש. קודם לאמיר הערן אייער נאנטשאפט צום פני מנחם פון גור?**

מיר זענען געווען זייער נאנט מיט'ן פני מנחם – דער גור'ער רבי, ער האט אונז געשטופט צו גיין קיין ארץ ישראל. דער פני מנחם האט אלעמאל געזאגט אז איך זאל בלייבן אין ארץ ישראל, ווייל איך בין מצליח דארט, ער פלעגט זאגן פאר מיין טאטע אז איך וועל נאך זיין פון די גדולי ישראל. ער פלעגט מיר רופן בלשון חיבה אברהם העניך'ל, אברהם העניך'ל.

**וויפיל געשוויסטער זענט איר?**

עלף, מיר זענען פינף ברודער, און פינף שוועסטער'ס.

### וואס איז די סוד פארוואס דער פני מנחם האט זיך אויסגעדרוקט נאר אויף אייך אזאנע שיינע טיטלען?

איך בין קודם געווען א בן יחיד, דאס הייסט איך האב איין שוועסטער העכער מיר, און פיר שוועסטער'ס אונטער מיר. ווען דער פני מנחם פלעגט קומען קיין אמעריקע פלעגט ער איינשטיין ביי מיינע עלטערן. אזוי איז אויסגעקומען אז ער האט מיר אלעמאל מקרב געווען, ער האט צו מיר שטארק געשמייכלט, עס איז געווען א שם דבר אין גור, אלע האבן פון דעם געוואוסט. איך פלעג דורכגיין צווישן א רייע פון טויזנטער מענטשן פלעגט ער מיר אלעמאל רופןביים נאמען.

איך געדענק איינמאל ראש השנה ביי לשנה טובה האט ער מיר גערופן, און דער גאנצער עולם האט געקוקט וואס דא גייט פאר, ער האט מיר פשוט גערופן איך זאל אים ברענגען די ברילן פונעם סטענדער. ביז היינט וואו איך גיי זאגן מיר מענטשן "אה דער פני מנחם האט דיר גערופן ברענגען די ברילן." איך ווייס נישט וואס דאס האט באדייט, אבער אז מען רעדט פונעם פני מנחם דערצייל איך דאס.

שפעטער האב איך געהאט נאך א ברודער וואס וואוינט היינט אין לעיקוואוד, מיין טאטע האט אים געוואלט א נאמען געבן משה דוד, דוד נאכן טורי זהב, אלס אייניקלער פון ט"ז, און משה נאך אן אנדערע זיידע. האט דער פני מנחם געזאגט פאר מיין טאטע: "אברהם האסטו שוין, וועסטו האבן א טורי זהב מיט א מגן אברהם אין שטוב."

### וועלכע יאר איז דער פני מנחם אוועק?

דער פני מנחם איז אוועק תשנ"ו.

ער איז נאך געווען ביי מיין תנאים, ער האט מיר געגעבן די בעכער צו בענטשן - און דערנאך האט ער געזאגט אז ביי די חתונה וועט ער בענטשן טאמער מען וועט מיר רופן. למעשה איז ער אוועק מוצאי פורים, ער איז פלוצלונג אוועק נאכן טיש.

### ביי אייער תנאים איז געווען די לעצטע מאל וואס איר האט גערעדט צו אים?

ניין. מיר פלעגן אריינגיין צו אים די גאנצע משפחה יעדן פסח און סוכות, אויך פלעגן מיר אסאך אריינגיין פרעגן שאלות, ער האט מיר געזאגט וואס צו לערנען און ווי אזוי צו לערנען, איך בין געווען ביי אים



יענעם לעצטן פורים.

**וואס גערענקט איר פון דעמאלט?**

ער האט נאר געקוקט אויף מיר און גארנישט געזאגט. אלעמאל פלעגט ער מיר עפעס זאגן ווי למשל "אברהם העניך לערנט", אבער די לעצטע מאל האט ער גארנישט געזאגט נאר געקוקט.

**למשל וואס פלעגט ער אייך זאגן וועגן לערנען?**

איינמאל האט ער מיר געזאגט "דו האסט געהאט א זיידע א גרויסער תלמיד חכם, און דיין טאטע איז א תלמיד חכם, אבער דו קענסט נאך זיין מער פון זיי אלע."

איך האב זייער שטארק געוואלט קענען גאנץ ש"ס, מיר האט געצויגן צו לערנען לערנען איין מסכתא נאכן צווייטן אן חזר'ן. האב איך אים געפרעגט וואס איז די ריכטיגע וועג, האט ער געזאגט: "דו טו וואס ס'ציט דיר, אויב ס'ציט דיר צו לערנען כסדרן זאלסטו דאס טון, קוק נישט אויף גערענקען, דו לערן."

**למעשה האט איר טאקע אזוי געטון?**

יא, אלס בחור האב איך ברוך השם זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס, די סיום איז פארגעקומען ביי מיין שבת אויפרוף.

**איר האט געלערנט מיט רש"י און תוספות?**

ניין ניין, איך האב געלערנט נאר גמרא. אין ישיבה איז געווען א סדר פון שיעור עיון, אבער מיר האט אלעמאל געצויגן צו לערנען כסדרן שיעור פשוט. איך האב געלערנט אויפן רבינ'ס וועג. אויב האב איך געוואלט עפעס פארשטיין האב איך פרובירט זיך אן עצה צו געבן, למשל די אגדתות האב איך געלערנט מיט עין יעקב - עברי טייטש, און די אנדערע זאכן האב איך גענוצט אביסל מהרש"א, מהר"ם, שפתי חכמים, און כל מיני ספרים וואס האט מיר געקענט העלפן פארשטיין די גמרא. און די איבריגע חלק האב איך געלערנט וויפיל איך האב פארשטאנען.

**וויאזוי האט איר דאן אויסגעטראפן אז מ'קען לערנען אויף אזא וועג אן פארשטיין גרונטליך יעדע שטיקל גמרא? איר האט לכאורה דעמאלט נישט געוואוסט פון סדר דרך הלימוד פון רבינ'ן?**

אה, דא קומט אריין ווי ס'האט זיך אנגעהויבן מיין התקרבות צו מוהרא"ש און צו היכל הקודש. אנגעהויבן האט זיך עס אלס בחור, מיין טאטע האט געהאט אינדערהיים דעם רבינ'ס ספרים, ליקוטי מוהר"ן און שיחות הר"ן, אויך האט מיין טאטע אהיימגעברענגט אין שטוב מוהרא"ש'ס קונטרסים, און איך פלעג עס ליינען, ס'איז מיר זייער געפאלן אז א מענטש שרייבט אזוי קלאר פונעם אייבערשטן, דארט האב איך געזען וואס מוהרא"ש שרייבט פון סדר דרך הלימוד וויאזוי א מענטש קען אריבערגיין אלע ספרים, און דאס האט מיר זייער שטארק געצויגן, ווייל איך האב אלעמאל געוואלט אריבערגיין תלמוד בבלי, ירושלמי, מדרשים, זוהר. וויפיל איך האב געהאט צייט אין ישיבה האב איך געלערנט, אבער מיין שאיפה איז געווען צו לערנען אלעס, במילא האב איך מיך מחי' געווען צו טרעפן דעם סדר דרך הלימוד.

**למעשה האט איר זייט דעמאלט אנגעהויבן לערנען אויף דעם וועג?**

יא, איך פלעג לערנען אין ישיבה, איך האב זיך צוגעשטעלט, אבער אין די איבריגע צייט האב איך געלערנט אסאך גמרא. איך פלעג קוקן אויף די לומדים, איינער וואס לערנט איז געווען ביי מיר א מוסטער פון אן ערליכער איד, דאס האב איך אלעמאל געוואלט זיין.

נאך די חתונה האט איך אויך ממשיך צו לערנען אסאך גמרא. שפעטער נאכן לערנען אסאך אסאך גמרא, האב איך אנגעהויבן לערנען הלכה - טור און שלחן ערוך.

**ווי ס'איז באקאנט האט איר שוין ארויסגעגעבן אסאך שאלות ותשובות ספרים מיטן נאמען "באר חנוך" וואס איז זייער שיין און קלאר אראפגעשריבן, ווען און וויאזוי האט זיך דאס אנגעהויבן?**

אידן פלעגן מיר פרעגן שאלות, איך פלעג דאס אפשרייבן, איך האב דאס אדורכגעטון, און דערנאך אפגעשריבן תשובות. שפעטער ווען ס'האט זיך צאמגעזאמעלט אסאך תשובות האב איך ארויסגעגעבן א ספר דערפון.

נאכן זען אז דער עולם האט הנאה פון די שכל הישר וויאזוי ס'ווערט ארויסגעברענגט, וואס איז נישט מיט חומרא'ס נאר אזוי ווי די הלכה זאגט, בין איך געגאנגען נעמען שימוש פון הרב

> "מיר האט געצויגן צו לערנען איין מסכתא נאכן צווייטן אן חזר'ן. האב איך אים געפרעגט וואס איז די ריכטיגע וועג, האט ער געזאגט: "אויב עס ציט דיר צו לערנען כסדרן זאלסטו דאס טון, קוק נישט אויף גערענקען, דו לערן."

וואזנער זי"ע, און פון נאך רבנים.

אזוי האב איך אנגעהויבן שרייבן נאך ספרים, און נאך ספרים.

**וויפיל בענדער האלט איר יעצט וואס איז שוין ארויסגעקומען?**

יעצט האב איך שוין ברוך השם א חיבור אויף ד' חלקי שולחן ערוך אלעס אין א וועג פון שאלות און תשובות, מבואר היטב נישט באריכות. נישט אלעס איז שוין געדרוקט, מ'גייט צוביסליך.

**מורא'דיג! ווען איר האט זיך אנגעהויבן אריינלייגן אין הלכה, האט איר נאך ווייטער ממשיך געווען מיט לערנען יעדן טאג בלעטער גמרא?**

פון ווען איך בין אריין שטארק אין הלכה, איז שוואכערך געווארן די זאך פון לערנען אסאך גמרא, ביז איך האב אנגעהויבן הערן די שיעורים פון דער ראש ישיבה, דאס האט מיר צוריק געברענגט צו דעם, איך האב פשוט אנגעהויבן צו לערנען יעדן טאג ירושלמי, משניות, זוהר, מדרשים און תיקונים, איך שפיר אזוי ווי איך וואלט געהאט א הפסקה פון צוואנציג - פינף און צוואנציג יאר, פון לערנען בלעטער גמרא, אבער יעצט ווען איך בין אנגעקומען צום ראש ישיבה האט זיך דאס צוריק אנגעהויבן ברוך השם, איך האב באקומען עפעס א געוואלדיגע פרישקייט צו לערנען אסאך משניות, גמרא און נאך שיעורים. אז אזוי האט מיר דער אייבערשטער געפירט, מסתמא איז עס גוט. קען טאקע זיין אז מיטן סדר הלימוד מען כאפט נישט אויף אלעס גלייך אויפן פלאץ, אבער אז מען לערנט אזוי א בלאט נאך א בלאט מיט א געשמאק כאפט מען אויף אזויפיל שיינע זאכן וואס ליגט אין די גמרא, אגדתות, מימרא'ס, מען באקומט א תמימות'דיגע מהלך אין דעם, און דאס האב איך געזען באקומט מען נאר פון לערנען בגירסא. אזוי אויך האב איך אנגעהויבן לערנען דעם רבינ'ס ספרים, עס האט זיך מיר געעפענט א נייע וועלט.

**א מינוט, צוריק צו פריער. דאס וואס איר האט געזאגט אז מ'האט אייך אנגעהויבן פרעגן שאלות, וויאזוי איז דאס צוגעגאנגען, פון וואו האבן מענטשן געוויסט אייך צו פרעגן?**

איך בין געזיצן און געלערנט אין א כולל. שפעטער בין איך געווארן דער ראש הכולל אין א כולל פון צוואנציג אינגעלייט, איך בין געווען דעמאלט פיר און צוואנציג יאר, דארט האב איך אנגעהויבן זאגן שיעורי תורה, מען האט מיר געפרעגט שאלות, אזוי האט זיך עס אנגעהויבן בויען שטייטלעך.

> **איך האב נישט געהאט קיין טאג און קיין נאכט, מענטשן פלעגן קומען פרעגן שאלות 24 שעה ארום דעם זייגער, ערב שבת, מוצאי שבת, ס'איז נישט געווען קיין מנוחה, א גאנצן טאג טעלעפאנען.**

אין חיפה איז געווען אן עלטערער רב הרב ישראל דוד רוסט ז"ל (ער איז אוועק אין יאר תשפ"ב אין טיפן עלטער פון 91 יאר) ער איז געווען דא אין שטאט א גרויסער פוסק, שפעטער ווען ער איז שוואך געווארן, איז דער עולם מיר געקומען פרעגן שאלות.

**ביי וועלכע רבנים זענט איר געגאנגען זיך פארהערן און באקומען סמיכה?**

בערך דרייסיג יאר צוריק אין די יארן פון תשנ"ז תשנ"ח האב איך זיך פארהערט ביי הרב יעקב מאיר שטערן שליט"א דומ"ץ זכרון מאיר בני ברק, וחבר הבד"ץ דקרית וויזניץ. ביי הרב נתן געשטעטנער זי"ע ראש מתיבה פנים מאירות אין בני ברק וואס האט ארויסגעגעבן גאר אסאך שיינע ספרים. אזוי אויך האב איך מיך פארהערט ביי הרב משה האלבערשטאם זי"ע חבר הבד"ץ העדה החרדית אין ירושלים, און ביי נאך רבנים.

זיי האבן געשריבן זייער שיינע אויסדרוקן אויף מיין בקיאות אין הלכה, וואס דאס האט מיר אויפגעבויעט איך זאל אנהייבן גלייבן אין מיר, אז איך קען יא מצליח זיין מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

**וואס איז געווען אייער ערשטע ספר וואס איר האט ארויסגעגעבן?**

מיין ערשטע ספר וואס איך האב ארויסגעגעבן ביי די זיבן און צוואנציג יאר איז געווען אויף הלכות שבת, ס'איז צוויי בענדער. דעמאלט איז נאך נישט געווען אזויפיל ספרים, יענע צייטן איז עס געווען א כאפ, דער עולם האט מורא'דיג הנאה געהאט פון די ספרים.

דאס האט מיר געגעבן א שטארקן שטופ, האב איך אנגעהויבן שרייבן אויף איסור והיתר, דערנאך אויף הלכות טהרה, אויף יום טוב און אויף חושן משפט. דארפסט פארשטיין אז אמאל איז נישט געווען די אלע ספרים וואס איז דא היינט, במילא אלעס האט מען געדארפט גוט אדורכלערנען און נאכקוקן פאר מ'ענטפערט.

ברוך השם עס איז נישטא א סימן, אדער א נושא אויף וואס איך האב נישט





געשריבן. עס פאסט פאר יעדן איינעם נישט נאר פאר לומדים, תלמידי חכמים, יעדער איינער וואס ליינט עס האט הנאה דערפון, עס איז קלאר מסביר, אז יעדער איינער זאל עס קענען פארשטיין.

### פון רבנים אין אמעריקע האט איר אויך באקומען הסכמות?

יא, איך האב אן הסכמה פון דער ראש ישיבה'ס זיידע הרב יחזקאל רוטה זי"ע קארלסבורגער רב, איך האב געוואוסט פון אים אלע יארן ווייל מיר האבן געוואוינט אין בארא פארק. שפעטער אלס יונגערמאן בין איך געקומען קיין אמעריקע אויף פסח באזוכן מיינע עלטערן, חול המועד האט ער געגעבן שיעורים אין הלכה, מען פלעגט אים פרעגן שאלות, און ער פלעגט ענטפערן תשובות, אזוי ווי איך בין דעמאלט געווען שטארק אריינגעטון אין הלכה, בין איך אריבערגעגאנגען, איך האב זייער הנאה געהאט פון זיין קלארקייט אין יעדע זאך. שפעטער ווען איך האב ארויסגעגעבן מיין ספר, בין איך דעמאלט נאכאמאל געווען אין אמעריקע פאר א שמחה, בין איך אריין צו אים אים נעמען אן הסכמה, איך בין ארויף צו אים אויף די 53'סטע גאס, ער איז דארט געזעצן מיט טלית און תפילין, אן איך האב אים געפרעגט אפאר שאלות אין יורה דעה. איך האב אים דערלאנגט א קונטרס פון אפאר בלעטער וואס איך האב געשריבן און געבעטן דערויף אן הסכמה. ער האט אדורכגעקוקט און געשריבן אן הסכמה - אפאר ווארעמע ווערטער. ס'איז מיר געווען א חשיבות צו האבן אן הסכמה פון אזא איד.

### למעשה זענט איר געווען אין חיפה א ראש הכולל, ווען זענט איר געווארן געקרוינט אלס א דיין וואס מ'קומט פרעגן שאלות?

איך ווייס נישט וויאזוי עס גייט ביי ענק, אבער אין גור איז נישטא אזא זאך אז מען נעמט אויף א דיין, הרב ישראל דוד רוסט זי"ע האט געהייסן דער רב, אבער מען האט מיר מיט די צייט אנגעהויבן רופן "הרב" ווייל אלע האבן געפרעגט שאלות, אזוי אויך ווען איך פלעג קומען קיין ירושלים אין שול זענען מיר מענטשן געקומען פרעגן שאלות, איך בין נישט געווארן עמטליך אויפגענומען. שפעטער ווען

איך בין געווארן אויפגענומען אלס א רב אין די רמב"ם שפיטאל איז עס געווארן אפיציעל.

מ'האט מיר געגעבן דארט א צימער וואו איך בין געזעצן און געשריבן די אלע חידושים, איז אויב מען רעדט פון אויפנעמען, איז דאס געווען א חלק פון די אויפנעמען.

### מען האט אייך באצאלט פאר דעם, אדער עס איז צוגעגאנגען אלס א וואלונטיר?

מען האט מיר נישט באצאלט דערפאר, אבער פאר פסח ווען מענטשן פארקויפן די חמץ פלעגט אריינקומען אפאר הונדערט שקלים.

איך האב נישט געהאט קיין טאג און קיין נאכט, מענטשן פלעגן קומען פרעגן שאלות 24 שעה ארום דעם זייגער, ערב שבת, מוצאי שבת, ס'איז נישט געווען קיין מנוחה, א גאנצן טאג טעלעפאנען.

### דאס גייט נאך אן אזוי ביז היינט?

היינט האט זיך עס אביסל געטוישט, ווייל דער גור'ער עולם האט זיך מערסטנס אוועקגעצויגן, ס'איז געבליבן אפאר עלטערע אידן, במילא איז נישטא אזויפיל שאלות, ס'איז דא פון אנדערע חסידות'ער ווי למשל בעלז, חב"ד, סערעט, זיי קומען נאך פרעגן שאלות, אבער די רעש איז נישטא, ס'איז מער רואיגער.

דערווייל בין איך נאך אין חיפה, איך קלער פון זיך אוועקציען קיין חצור.

### איר האט פריער אריינגעווארפן איבער אייער ארבעט אלס רב אין רמב"ם שפיטאל, וואס קענט איר דערציילן איבער דעם, ווען זענט איר דארט געווארן רב?

זעקס יאר צוריק כ' סיון תשע"ח, האט די קהילה געוואלט איך זאל האבן אן אפיציעלע טיטל, ווייל בעצם האב איך נישט געהאט קיין אפיציעלע פאסטן, האבן זיי געארבעט ביי די עסקנים אז איך זאל באקומען דעם פאסטן, און עס איז אדורך ברוך השם. דארט אין שפיטאל האב איך א שול, איך האב א צימער ווי מענטשן קומען שטענדיג אריין נעמען חיזוק אין אלע אומשטענדן, פארשטייט זיך אז מיטן רבינ'ס הקדמות קען מען זייער שיין מחזק זיין אידישע קינדער אין יעדן מצב.

אזוי אויך איז דא אסאך שאלות אין שפיטאל אליינס וואס איך דארף





ענטפערן, אסאך מאל איז דא פיקוח נפש שאלות, איך בעט דעם אייבערשטן עס זאל נישט ארויסקומען פון מיר קיין שום מכשול.

**יעצט צום ענין לגבי ברסלב אויב מען מעג פרעגן אביסל קלארער, וואס האט אייך געכאפט ביים ראש ישיבה, איר זענט דאך נישט קיין פרישער בחור אדער יונגערמאנטשיק וואס הייבט יעצט אן זוכן א וועג אין לעבן?**

זייער א גוטע שאלה; דער אמת איז איך האב אלעמאל געוואלט זיין א חלק פון כלל ישראל, איך האב זייער געגליכן דאס וואס דער ראש ישיבה שטעלט אוועק אז ס'איז נישטא די שיטה, די פארטיי, ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, און צו אים דארף מען רעדן, מיט אים דארף מען גיין, פאר אים דארף מען לערנען, מ'לעבט מיט'ן אייבערשטן, דאס איז א אידיש קינד, איך האלט אז דאס איז דער ריכטיגער וועג, די זאך אז ווייל יענער האלט אנדערש במילא איז ער פסול, דאס האב איך קיינמאל נישט סובל געווען. דאס האב איך באקומען ביים ראש ישיבה נאכן הערן די דרשות, אז יעדער איד איז חשוב ווייל ער איז א קינד פונעם אייבערשטן, און מיר אלע דארפן נאר רעדן פונעם אייבערשטן. דאס איז די עיקר וואס איך האב באקומען ביים ראש ישיבה, פארשטייט זיך ס'איז דא נאך אסאך עצות און שכל וואס איך האב באקומען ביים ראש ישיבה, אבער דאס איז די שפיץ.

**זייער שטארק און קלאר ארויסגעברענגט. וואס איז אייער ארבעט אלס רב אין רמב"ם שפיטאל? די סדר היום?**

איך דאוון שחרית מיט די איינגעשטעלטע פון שפיטאל, ס'איז דא א משגיח אין קאך וואס איך האלט קשר מיט אים וועלכע הכשרים מען ברענגט אריין, און אויב ס'האט זיך עפעס אויסגעמישט, מ'האט אריינגעלייגט עפעס, אדער ס'איז אריינגעקומען סחורה וואס קען האבן ווערים און אזוי ווייטער. אויך אנצינדן די טעפ דארף זיין דורך א איד. אזוי אויך פאר פסח דארף מען כשר'ן די כלים.

נאכדעם איז דא שאלות'דיגע זאכן, וועלכע מאשינען מען קען ניצן שבת, וואס רעכנט אריין בעטן, פרידזשידערס, און אלע כלים וואס איז דא, דארף מען זען ס'זאל זיין אויסגעהאלטן צו ניצן שבת, ווי אזוי מען קען עס ניצן בהגרמה, כל מיני עצות וואס איז דא היינט צו פארמיידן חילול שבת.

דערנאך איז דא די שיעורי תורה, איך זאג דארט א שיעור יעדן טאג פאר מנחה, די שפיטאל ארבעטער קומען דאס מיטהאלטן, אזוי אויך קומען אין שפיטאל כסדר מענטשן, דער אויף שמחות, און דער אויף אנדערע זאכן, מען זאגט א גוט ווארט, מען איז מקרב, אידן פרעגן שאלות אזוי ווי א אידיש קינד האט כסדר שאלות, בפרט אין שפיטאל איז דא כל מיני שאלות, ובפרט אין הלכות שבת. איר קענט אפשר פארציילן אן אינטערסאנטע מעשה וואס איר האט געהאט אין שפיטאל במשך די יארן?

איך האב איינמאל געמאכט א חופה אין שפיטאל, א גוסס האט געוואלט חתונה האבן... ביי די פרייע גייט עס אזוי אז זיי ווילן חתונה האבן פארן שטארבן, כדי ס'זאל א חופה וקידושין להלכה, זיי ווילן שטארבן ווי אידן.

אויך האט זיך שוין געמאכט אז מען דארף מאכן ברית'ן פאר עלטערע מענטשן.

**איר מאכט ברית'ן אדער איר רופט איינעם?**

ניין ברית'ן מאך איך נישט, אבער איך גיי אריין נאר צו מאכן די ברכות. אויך איז אסאך מאל דא חופות וואס די עלטערן זענען אין שפיטאל, און די קינדער ווילן די עלטערן זאלן זיין ביי די חתונות, מאכט מען א חופה אין שפיטאל.

נאכדעם איז דא אסאך מאל וואס פארן שטארבן וויל מען הערן דברי חיזוק.

**וועלכע חיזוק געבט מען פאר א מענטש פאר ער שטארבט?**

אה, מיטן רבינ'ס עצות קען מען זייער שיין מחזק זיין א מענטש אין דעם מצב. פארן שטארבן רעדט מען צו אים נאר פון די גוטע זאכן וואס ער האט געטון, אזוי פיר איך זיך, האסט געהיטן שבת, געלייגט תפילין, די פשוט'ע זאכן וואס דער ראש ישיבה רעדט שטענדיג, דאס געבט א שטארקע חיזוק, האסט

"איך האב איינמאל געמאכט א חופה אין שפיטאל, א גוסס האט געוואלט חתונה האבן... ביי די פרייע גייט עס אזוי אז זיי ווילן חתונה האבן פארן שטארבן, כדי ס'זאל א חופה וקידושין להלכה, זיי ווילן שטארבן ווי אידן."

אויפגעשטעלט א דור, קינדער און אייניקלעך וואס לייגן תפילין, קינדער וואס היטן שבת, האסט קובע געווען עתים לתורה,געגעבן צדקה, דאס געבט אים די חיות, דו רעדסט צו אים פון די גוטע זאכן וואס ער האט געטון בעבר, און אויך וואס ער קען נאך יעצט טון, איך זאג אים "זאלסט וויסן יעדע מינוט וואס דו טראכסט אז דער אייבערשטער איז דא איז א מצוה", מען וועקט אויף אין אים די אמונה פשוטה, און דאס געבט א מענטש חיות.

**איר זאגט אז איר הערט די שיעורים פונעם ראש ישיבה, ווען און וויאזוי איז געווען די ערשטע מאל וואס איר האט געהערט די שיעורים?**

אה, איז אזוי, די קונטרסים פון מוהרא"ש האב איך אלעמאל געקענט, איך האב עס געליינט, עס האט מיר געגעבן מורא'דיגע חיזוק, אבער איך בין קיינמאל נישט געווען נאנט צו די זאך.

אין יאר תשע"ט בין איך געווען ל"ג בעומר אין מירון מיט מיין יונגערער ברודער משה דוד נ"י, ער איז יונגער פון מיר מיט צוואנציג יאר. ל"ג בעומר פלעגן מיר פארן צוזאמען צו ר' שמעון, אויפן וועג ארויף איז געווען דארט אויפגעשטעלט א טענט, וואס מ'האט אויפגעשפילט א שיעור פונעם ראש ישיבה, מיין ברודער האט זיך געגעבן א רוף אן צו מיר: ס'איז דא דארט איינער וואס איז אן אייניקל פון קארלסבורגער רב, ער איז געווארן א ברסלב'ער מנהיג, ער זאגט אז ברסלב איז פשוט'ע אידישע זאכן, רעדט צום אייבערשטן, רוף עס נישט מיט אזא הויכע שפראך "התבודדות", נאר רוף עס פשוט "רעדט צום אייבערשטן, דער אייבערשטער האט דיר ליב, דער אייבערשטער האט ליב דיין לערנען," מיט אזא תמימות ופשיטות. איך בין טאקע צוגעגאנגען מיטהאלטן דעם שיעור, איך מוז דיר זאגן אז דאס וואס איך האב געהערט אין די פאר סעקונדעס, די זאך פון רעדן צום אייבערשטן, האט מיר זייער שטארק געכאפט, ווייל דאס האב איך קיינמאל נישט געהערט פאר דעם, פון איין זייט האב איך געהאט געהערט אלע יארן די נושא פון יראת חטא, אבער בעצם האב איך געקוקט אויף דעי' זאכן אז דאס האט גארנישט מיטן אייבערשטן, דאס איז א סיסטעם, מען דארף פאלגן,

> "מיין ברודער האט זיך געגעבן א רוף אן צו מיר: "ס'איז דא דארט איינער וואס איז אן אייניקל פון קארלסבורג'ער רב, ער איז געווארן א ברסלב'ער מנהיג, ער זאגט אז ברסלב איז פשוט'ע אידישע זאכן"

מען דארף טון, מען דארף זיין ערליכע אידן, מען דארף זיין א זעלנער, אבער אז דער אייבערשטער איז דא מיט מיר, און אים דארף מען געפעלן, דאס האב איך קיינמאל נישט געהאט.

בעצם בין איך א וואוילער, איך גיי מיט מיט די סיסטעם, אבער טיף ביי מיר האב איך דאס נישט געוואלט, איך האב געוואלט שפירן דעם אייבערשטן מיט די ריינקייט וואס איך הער פונעם ראש ישיבה, און דא הער איך א איד וואס רעדט פון די אלע זאכן, ס'איז מיר שטארק געפאלן די פאר ווערטער וואס איך האב געהערט, שפעטער ווען דער ראש ישיבה האט חתונה געמאכט זיין ערשטער זון ר' שלמה, איז געווען אין די צייטונג אז ער האט חתונה געמאכט א קינד פאר א נישטיגע פאר דאלער, אזוי האב איך געהערט נאך א זאך און נאך א זאך, דעמאלט האב איך אפגעמאכט אז איך וויל טרעפן דעם איד.

**ווען האט איר זיך טאקע געטראפן מיטן ראש ישיבה צום ערשטן מאל?**

איך בין אריין אין ברסלב סענטער, און אנגעהויבן אויסצוהערן איין שיעור נאכן צווייטן מיט הונגער און דארשט.

נאך ביז היינט הער איך יעדן טאג די שיעורים, איך קום אריין אין רמב"ם שפיטאל יעדן טאג זעקס אזייגער, מען דאוונט דארטן זיבן, האלב אכט בין איך נאך שחרית, דערנאך בין איך אין אפיס ביז האלב פיר, דעמאלט בשעת די ארבעט הער איך אויס די שיעורים. יעדע דרשה איז מלא טעם, דער ראש ישיבה געבט עס ארויס מיט אזא פעסטקייט מיט אזא שטאלץ, אזוי קלאר מיט אזא הומאר, מלא חן, מלא טעם. ער ווייסט ווי צו לייגן די פינגער אויף די ריכטיגע פלאץ, גיי צום אייבערשטן, רעד צום אייבערשטן, דיין תורה איז חשוב, וואס דו טוסט איז חשוב, דער אייבערשטער איז מיט דיר, לעב מיט אים, די אמונה פשוטה. אזוי איז געווען דער בעל שם טוב, די אמונה, די השגחה, די לעבן בתמימות. פאר מיר דאס צו טרעפן איז געווען כמוצא שלל רב. ביז היינט ווען איך לייען די קונטרסים און גליונות אדער איך קום צו שלש סעודות אין בית המדרש היכל הקודש חיפה דערקוויק איך זיך.

אזוי אויך קען איך אסאך מאל הערן די ניגונים ווען איך שרייב, ווען איך הער דעם





ניגון השבינו אבינו קען מיר גיסן טרערן, ס׳ברענגט אזעלכע הרהורי תשובה.

### איר קענט אפשר פארציילן אביסל פון די שיינע חבורה אין היכל הקודש דארט אין חיפה?

דארט איז דא זייער א שיינע קבוצה, מען רעדט שלש סעודות די דיבורים פונעם ראש ישיבה. יעצט האבן זיי געברענגט דא די קונטרס ״אשית עצות בנפשי״, איך האב עס נאך קיינמאל נישט געזען פאר דעם, איך ליין עס, עס וועקט מיר אויף, מען הערט נישט אזעלכע דיבורים פון קיינעם.

נאך א זאך האב איך הנאה געהאט, לויט ווי איך זע ווי דער ראש ישיבה זיצט מיט אזא פשטות. איך בין געווען באזוכן אין ישיבה אין וויליאמסבורג, דער ראש ישיבה עסט מיט די בחורים פרישטאג, ער רעדט מיט יעדן, ער באהאלט גארנישט, ער רעדט אלע זיינע סודות, און דו זעסט אז ער לעבט אזוי שטארק מיטן אייבערשטן, דאס הייסט א רבי מען קען זיך אפלערנען פון אים, דו לעבסט מיט אים, דו זעסט אים, דו לערנסט זיך אפ, דאס האט מיר שטארק באנומען, דאס האב איך ליב, די תורה איז געמאכט געווארן צו ווערן נענטער צום אייבערשטן.

### לאמיר ענדיגן מיט דעם, וואס זאגט אייער משפחה און די חברים וואו איר דרייט זיך, צו דעם אז איר זענט געווארן א ברסלב׳ער?

דער אמת איז, ביי אונז אין די משפחה, אדער אין די חסידות, האב איך קיינמאל נישט גערעדט פון דעם, ווען איך זאג יעדע וואך א שיעור אין שטיבל, און מען רעדט דברי תורה וחיזוק, דערמאן איך זאכן פון ברסלב, ווייל איך האלט אז דאס איז באמת אידישע זאכן, ס׳איז נישט א ברסלב׳ער אינטערעסאנטע וועג, דאס איז אידישע זאכן, אבער מען באטאנט עס נישט, קיינער רעדט נישט וועגן דעם, אבער שטילערהייט ווייזט זיך אויס אז מען ווייסט יא... ווייל שטילערהייט קומען אינגעלייט און זאגן מיר איך האב געהערט אז דו ביסט א גרויסער מבין אין ליקוטי מוהר״ן, זיי ווילן מאכן א שיעור מיט מיר, האב איך געזען אז מען ווייסט יא פון דעם.

### וואס זאגן אייערע קינדער אויף דעם?

מיינע קינדער זענען אויך משוגע

**משה הלברשטאם**

חבר הבד"צ דעדה החרדית
ראש ישיבת "דברי חיים" טשאקבע
מח"ס שו"ת "דברי משה"
פעיה"ק ירושלים תובב"א

ראיתי כמציץ מבין החרכים הספר הנכבד פתחי הלכה באר חנוך פרי עמלו ויגיעו בתוה"ק של האברך כפשוטו ומדרשו הרה"ג שקדן וגריס באורייתא בתדירא ויר"א ומתנהג בחסידות כש"ת מוה"ר אברהם חנוך הענוך הלוי פיעטרקובסקי שליט"א אשר צלל במים אדירים והעלה כו"כ ברורים בהלכתא חמירתא דשבתא אשר המה כהררים התלוים בשערה כדרז"ל. **ועמלי תוה"ק יפיקו תועלת מיריעות מחברתו להבין ולהשכיל.**

ובכך יעזרהו השי"ת לברך על המוגמר ויאמרו שמעתתא משמיה בבי מדרשא, ויוסיף אומץ בתוה"ק לאסוקי שמעתתא אליבא דהילכתא מתוך שפע רב מטל השמים ומשמני הארץ לאושט"א.

ובעה"ח לכבוד שב"ק ליל שישי לסדר ואת יהודה שלח לפניו וגו' להורות לפניו וגו'.

שנת לכבוד שב"ק לפ"ק
משה הלברשטאם


נתן געשטעטנער
אבד"ק קרית אגודת ישראל
ור"א מתיבתא "פנים מאירות"
בני-ברק

Rabbi N. GESTETNER
Rabbi of Kiryat Agudath Israel
Dean of Mesivtah "Panim-Meiroth"
Bnei-Berak

בס"ד, קרית אגו"י בני-ברק





בס"ד

ניסן תשע"ז

<u>תעודה</u>

זאת לתעודה כי הרב אברהם חנוך פיטרקובסקי ת.ז. 304576614 למד במוסדנו מתשנ"ו עד תשע"ז וזכה לסיים ד' חלקי שו"ע במתן דגש על הלכות אקטואליות, ונתעטר בכתר הוראה מגדולי הרבנים.

גם שימש כראש כולל במוסדנו הרבה שנים וכיוון את התלמידים על דרך ההוראה, מתוך חן וענווה. וכמו"כ מסר שיעורים נפלאים בחן ובנועם, שכולם נהנו מבהירות ומהעמקות ושתו בצמא את דבריו, עד שנעשה למורה מובהק לרבים שהרבה באים לשחר פתחו בכל שעות היממה, לשמוע חו"ד בשאלות הלכתיות ובכל תחומי החיים לפטור ספקותיהם בתשובות בהירות. וגם בתחום הכשרות נתן אל לבו והעמיד הכשרות על תילה בכמה חנויות .

היה דוגמה אישית לתלמידים, להתמדה למדות טובות, ודאג בטובתם בכל שעות היממה, ברוחניות ובגשמיות.

גם זכה הרב להעשיר את ארון הספרים היהודי ואת ידיעות מעייני ספריו הרבים בעושר רוחני גדול ומפואר שנכתב בין כותלי מוסדנו בשם באר חנוך על ד' חלקי שו"ע, והתפרסמו ומתבדרים בבית מדרש בכל רחבי העולם, ונתעטרו בהסכמות של גדולי ישראל שכולם הצביעו על בהירות הדברים בטוב טעם.

בכבוד רב
הנהלת הכולל




איינס ביי איינס... אלע מיינע טעכטער הערן די חיזוק פונעם ראש ישיבה, אלע זענען צוגעבינדן צו דעם.

**אלס א מורה הוראה, וואס זאגט איר צו דעם, אז דער ראש ישיבה איז אזוי שטארק אז מען זאל מעביר סדרה זיין פון זונטאג?**

קודם כל על פי הלכה איז עס לכתחילה, אין גור איז אויך אזוי געווען איינגעפירט, עס איז א נארמאלע זאך, פארקערט מען ווערט אנגעבינדן אין די פרשה. די זאך האב איך אויך הנאה פון דער ראש ישיבה, ער מאכט נישט פון עיקר טפל, תכלית דארף מען זיין אן ערליכער איד, מען דארף מעביר סדרה זיין, אז דו וועסט עס טון פון זונטאג וועסטו עס טון, און אז דו וועסט עס אפשטופן צוליב א ענין צום סוף וועסטו עס נישט טון.

**זייער זייער שיין. צום סוף וואלט איך געוואלט הערן פון אייך וואס איר זאגט צום שיינעם ברסלב'ן שטעטל?**

אה, די באזון אין שטעטל, איך האב נישט קיין ווערטער, קען זיין עס איז מיין טבע, אבער עס איז אסאך מער ווי דעם, איך האב זייער הנאה געהאט צו זען ווי די מענטשן וואוינען מיט אזא תמימות ופשיטות, מענטשן וואוינען אזוי ווי אין די צייטן פון בעל שם טוב, די הייזער זענען אויסגעשפרייט, מען הערט די פייגעלעך. מען זעט גראז, א מענטש וואוינט אין שטאט מאכט עס ער זאל נישט שפירן וואס ס'קומט פאר מיט אים, עס טוט זיך א געראטשקע, ס'איז דא א חתונה, א ברית, מען לויפט מען קומט, מען קען לעבן זיבעציג יאר און גארנישט האבן. דא מוזטו אנקומען צום אייבערשטער, מוזט אנקומען צו לערנען משניות, מוזט אנקומען צו די גמרא.

מען איז דיר נישט בודק פון אויבן ביז אונטן, יעדער איינער וואס קומט אריין געבט מען שלום עליכם, ס'איז דא אזא מין סארט ווארעמקייט, מיר דערמאנט עס פון דעם בעל שם טוב'ס צייטן.

**זייער שטארק.**

צום שלוס וויל איך אייך זאגן אז ביי אייך האב איך זייער הנאה געהאט צו זיין שבת און מיטהאלטן די סעודות.

דיינע קינדער האבן אז תמימות, נחמן יואל, מיט אליעזר שלמה, אזעלכע טייערע נשמות, די טעכטער העלפן ארויס מיט אזא דרך ארץ, ס'איז א תורה'דיגע שטוב. דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט ווייטער קענען ממשיך זיין צו טון גוטע זאכן, באריכת ימים ושנים, מען זאל זיך טרעפן אויף שמחות, אויף גוטע פלעצער אלעמאל.

**אמן, ביי אייך אויך, איר זאלט מצליח זיין אין אלע הייליגע ארבעט וואס איר טוט, איר זאלט קענען מחזק זיין אידישע קינדער א גאנץ לעבן, און אזוי אויך מצליח זיין ארויסצוגעבן אלע אייערע ספרים וואס איז נאכנישט ארויס לאור עולם ■**





# איך האב א פראבלעם מיט די אויגן, וואס טו איך?

## שאלה

**לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,**

**קודם כל וויל איך אייך דאנקען אויף די געוואלדיגע חיזוק און עצות וואס איר געבט, סיי ביי די דרשות און סיי ביי די בריוו.**

**איך האט ב"ה חתונה געהאט שוין א שיינע פאר יאר, א וואוילע ווייב מיט ליכטיגע קינדערלעך, דער פראבלעם איז אבער אז מיין ווייב ליידט פון א געוויסע געזונטהייט פראבלעם אין די אויגן, און דאס שטערט זייער שטארק אונזער לעבן. מיין ווייב האט גאר גרויס דרוק פון דעם פראבלעם, און איך ארבעט זייער שווער פאר פרנסה פון פארטאגס ביז זיבענע ביינאכט, און מיט דעם אלעם מוטשע איך זיך אהיימצוברענגען ברויט אין שטוב, ווייל די אלע דאקטורים און טערעפי קאסט אפ שווערע געלטער, און מיר זעען נישט קיין ישועה.**

**איך דארף פשוט האבן וויכטיג חיזוק אז איך זאל נישט משוגע ווערן פון אזויפיל לחץ, איך האף איר וועט מיר קענען מחזק זיין, און מתפלל זיין פאר מיר.**

**בעזרת ה' יתברך**

**יום א' פרשת וזאת הברכה, י"ד תשרי, ערב חג הסוכות, שנת תשע"ט לפרט קטן**

לכבוד לוי נרו יאיר.

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

נעם די רפואה פון הייליגן רבי'ן; דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ראיה, סימן י): "**הִסְתַּכְּלוּת עַל אֶתְרוֹג הוּא רְפוּאָה לְכְאֵב עֵינַיִם**", קוקן אויפן אתרוג איז א רפואה פאר אויגן ווייטאג; דעריבער פירן זיך אנשי שלומינו ברסלב'ע חסידים צו קוקן אויף די אתרוג דורכאויס דעם גאנצן יום טוב סוכות כדי צו האבן א רפואה אויף די אויגן - ברוחניות ובגשמיות. זאג דיין ווייב זי זאל קוקן אויפן אתרוג, אזוי וועט זי האבן א רפואה אויף די אויגן, זי וועט ארויס גיין פון אלע פראבלעמען און פון אלע לחצים.

נעמט אריין דעם אייבערשטן אין אייער לעבן וועט איר אוועק נעמען פון זיך אלע דינים; דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות המתקת הדין, סימן יד): "**מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ כְּאֵב עֵינַיִם אוֹ כְּאֵב מֵעַיִם, בְּיָדוּעַ שֶׁדִּינִין שׁוֹרִין עָלָיו**", ווער עס האט אויגן ווייטאג אדער בויך ווייטאג איז א סימן אז דינים רוען אויף אים; די עצה אוועק צו נעמען דינים פון זיך - אז מען זאל אריין נעמען דעם אייבערשטן אינעם לעבן, מען זאל גלייבן אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט און עס איז נישט דא אזא זאך ווי טבע, מקרה, מזל, נאר אלעס קומט פון אים, דעמאלט ווערן בטל אלע דינים, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות המתקת הדין, סימן כה): "**מִי שֶׁדִּינִין שׁוֹרִין עָלָיו, יִסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם עַל הַשָּׁמַיִם**", אויב מען האט אויף זיך דינים זאל מען כסדר קוקן אויפן הימל; אזוי וועט מען זיך דערמאנען אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט וואס ער פירט די גאנצע וועלט, ער מאכט אלעס און טוט אלעס, דעמאלט ווערט בטל אלע דינים און אלע שלעכטס.

אז מען נעמט אריין דעם אייבערשטן אינעם לעבן ווערן בטל אלע דינים און מען לעבט א חיים טובים. חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (סנהדרין סז:): א כישוף מאכער'ן האט געוואלט מאכן כישוף אויפן הייליגן אמורא רבי חנינא, האט איר רבי חנינא געזאגט: "אִי מִסְתַּיְּעַת זִילִי עֲבִידִי, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ כְּתִיב", דו קענסט פראבירן מאכן כישוף וויפיל דו ווילסט איך האב אבער נישט מורא פון דיר, ווייל עס שטייט אין די תורה (דברים ד, לה): "אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ", עס איז גארנישט דא אויסערן אייבערשטן; זעט מען פון דעם אז ווען מען לעבט מיטן אייבערשטן ווערן בטל אלע דינים און אלע כישוף.

מאך פרייליך דיין ווייב וועט זי אויסגעהיילט ווערן פון אלע פראבלעמען; דו זיי איר טערעפיסט ווייל דו קענסט איר אויסהיילן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קכט.): "בְּרַתֵּיהּ דְּרַב חִסְדָּא טָבְלָה בְּגוֹ תְּלָתִין יוֹמִין שֶׁלֹּא בִּפְנֵי בַּעְלָהּ וְאִצְטְנִיאַתְּ, רבא'ס ווייב - זי איז געווען רב חסדא'ס טאכטער - האט זיך פארקילט; רבא איז דעמאלט נישט געווען אין שטוב ער איז געווען אין ישיבה אין פומבדותא, "וְאַמְטוּי לְעַרְסָה בַּתְרֵיהּ דְּרָבָא לְפוּמְבְּדִיתָא", האט מען איר געטראגן מיט איר בעט קיין פומבדיתא וואו רבא איז געווען ראש ישיבה און זי איז אויסגעהיילט געווארן, עיין שם; זעט מען אז דער מאן איז דער וואס דארף מחזק זיין און פרייליך מאכן די ווייב מיט גוטע ווערטער און מיט ליבשאפט, דעמאלט גייען אוועק אלע פראבלעמען און אלע קראנקהייטן.

**דער אייבערשטער זאל העלפן דיין ווייב זאל האבן א רפואה שלימה.**

# ווען איז די נעקסטע בורטדעי פארטי?

חיים איז געווען א מוצלח, א מוצלח אין אלע הינזיכטן, אלע וויצן אין א זייט, חיים האט געלערנט פלייסיג פון צופרי ביז ביינאכט, אן קונצן, גמרא, רש"י, תוספות, מהרש"א, פני יהושע, ער זיצט אין גן עדן אויף די וועלט און לערנט תורה.

א קלוגער, א שארף קעפל, א זון פון א עושר, א הויכער, א צאמגענומענער, א באַ'טעמ'טער געשטעלן, א צוגעלאזענער, פאסט אים צו רעדן מיט יעדן, אלע מעלות, א כרכא דכולא ביה.

ער זיצט אין ישיבה און פלאנט א סיום אויף בבא בתרא, גוט דורכגעלערנט מיט תוספות און מהרש"א. מ'רעדט א שידוך, גייט נישט דורך א טאג צוויי און ס'שוין נאכ'ן לחיים, ער וואונטשט הארציג צוריק פאר יעדן חבר באזונדער און קוקט ווייטער אריין אין די גמרא.

די חתונה איז באשטימט אויף אנהייב אלול, פונקט גוט, אזוי אז ווען ס'הייבט זיך אן די נאך-סוכות זמן, ראש חודש חשוון, אויף א דינסטאג גראדע, ווען מען קענען געהעריג אריין גיין אין קראפט אן א שטער. מ'הייבט אן מסכתא יבמות, אזוי ווי ער האט מצליח געווען אין די בחור'ישע יארן מיט די דריי בבות, אזוי גייט ער ווייטער גיין מיט יבמות און כתובות, און דערנאך גיטין און קידושין.

(זיין חשק התורה זעט זיך מער אן אין וואס טייל רופן אן די "ישיבה'שע" מסכתות, ביי וועלכן ס'איז גרינגער צו ווייזן אז איך בין מער ווי דו, למשל אין מסכתא תענית וואס רוב מסכתא באשטייט פון מעשיות פון די הייליגע תנאים און אמוראים, וואס קען איך זיין מער ווי דו? א מעשה איז א מעשה... וואס שייך צו טראסקען חידושים אין א מעשה פון א צדיק?...)

חיים פאקוס'ט מער אויף נשים נזיקין ווי אויף מועד און קדשים, זיין לומד'ישע קאפ קאנעקט מער מיט יבמות ווי מיט ראש השנה, תענית, מגילה, מועד קטן, חגיגה, אויך קומט ער נישט אן יעדע וואך צו מעביר סדרה זיין, גראדע זעט ער אמאל א לעקטרישן אדער א פלאמבער מעביר סדרה זיין, אבער חיים וויל אין די צייט בעסער "פארשטיין" די קושיא און די תירוץ אין די סוגיא אין וואס ער איז יעצט עוסק, ווייל תורה איז העכער אלעס... ווען ער זאגט אז תורה איז העכער אלעס מאכט ער עפעס נישט א קאנעקשן מיט מעביר סדרה זיין... ווייסט פארוואס? ווייל תורה איז העכער אלעס... לאמיר זיך ארייננטון טיפער אין די סוגיא... נישט דא קיין צייט פאר זייטיגע זאכן...

זונטאג לך לך, ס'הילעכט א קול תורה, תורה איז די בעסטע סחורה... לייף איז יאם... (אקעי הער אויף מיט די באמ'ישע שפראך... דאס לעבן איז נעימות'דיג...) נאך א מזל אז איך ליג אין תורה... נאך א מזל אז דער אייבערשטער האט מיך אויסדערוועלט ביים בארג סיני צו לערנען דאס וואס טייל רופן "ישיבה'שע" מסכתות... דאס וואס מ'האט געגעבן אויפ'ן בארג סיני מסכתא יומא סוכה ביצה, דאס וועלן מיר רעדן א אנדערע מאל... צופרי יבמות, נאכמיטאג כתובות, ביינאכט סדר גיטין... שפעטער אינדערהיים א האלבע שעה קידושין איבער א גלעזעלע הייסע סטראבערי טיי מיט האניג און לימענע, מיט א טעלער אויבסט מיט ראגעלעך, ווייל ס'שוין איבער א שעה נאך וועטשערע, ס'פארט א באן... כ'פארשטיי נישט די מענטשן וואס ליגן נישט א גאנצן טאג אין יבמות און כתובות... ס'שרעקליך מיט די היינטיגע דורות... מ'מוז עפעס טון צו מעורר זיין דעם עולם אז איך שפיר יא די זיסקייט פון לערנען א גאנצן טאג גמרא תוספות...

מאנטאג פרשת לך לך... דער שווער זאל געזונט זיין מאכט א לחיים פאר זיין געלונגענעם זון... די חברותא וועט מוזן פארשטיין... מסכתא גיטין וועט ווייטער גיין צומארגנס, מיט א שטערקערע התמדה, לרגל השמחה...

מאנטאג וירא... יו געסט איט!... תנאים!... נישט קיין אויפרייס... בלויז אביסל בלומען... בלויז אביסל האט-פוד ביי די זייט... מיט בלויז אביסל צינג און בריסקעט... נישט קיין פארציעס... מ'רייס מיר זיך נישט אויף... בלויז א פאטאגרעפער...

מאנטאג חיי שרה... חיים'ס טאטע מאכט בר מצוה... די חברותא פון מסכתא גיטין ביי די נאכט-סדר ווערט שוין אביסעלע

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

נערוועז... אבער וואס קען ער זאגן?...

מאנטאג תולדות... חיים'ס ווייב'ס בעסט פרענד ווערט הייִנט א כלה...

מאנטאג ויצא... ווי אזוי ווייסטו שוין? ... יא! תנאים! וואזשע דען?...

חיים'ס חברותא געבט ס'לעצטע ווארענונג... דו ביסט הונדערט פערצענט גערעכט אבער איך פלאן נישט צו זיצן גאנץ ווינטער אן א נאכט סדר חברותא...

מאנטאג וישלח... חיים'ס שווער גייט האבן די פופציגסטע בורטדעי אין די שפיגל-איי סטעיקהאוז אויף די הויפט גאס!

מאנטאג וישב... חיים'ס שווער'ס עלצטע זון, וואס פארמאגט שוין צוויי הונדערט אפארטמענטס וואס צאלן אים רענט א מיליאן דאלער א יאר מאכט א וואך-נאכט... (נישט קיין אויפרייס.... בלא בלא בלא... בלויז צינג בריסקעט פלאווערס בלא בלא בלא... נישט קיין פארציעס בלא בלא בלא...).

חיים'ס נאכט סדר חברותא האט שוין גענומען א נייע נאכט סדר חברותא... (ער האט נישט קיין אאאאאנונג אז די נייע חברותא גייט אויך האבן בורטדעיס מיט וואך-נאכט'ס מיט נישט אויפרייס בלא בלא בלא...).

מאנטאג מקץ... די גאנצע משפחה פראוועט די נס פון די חשמונאים אויף א שיף... נישט קיין אויפרייס בלא בלא בלא....

> ווען ער זאגט אז תורה איז העכער אלעס מאכט ער עפעס נישט א קאנעקשן מיט מעביר סדרה זיין... ווייסט פארוואס? ווייל תורה איז העכער אלעס...

חיים בלאזט... ער ווייסט נישט וועם צו באשולדיגן פריער... חנוכה פארטי... בורטדעי... ווייב'ס בעסטע פרענד... א וועלט פון ליידיג-גייערס!!... לאזט מיך שוין לערנען!!!!! פארוואס קען נישט מיין שווער האבן זיין בורטדעי בין הזמנים?!... א מין הפקירות!!! א בורטדעי אנהייב ווינטער זמן?!! און איך דארף נאך לערנען אויך?! אן א חברותא?!

חיים האט עס נישט געקענט דערהייבן... לערנען ביינאכט איין שעה אן א חברותא איז שוין too much!!! דאס שוין נישט!

די תורה הייסט לערנען סיי ווען ס'גייט ווי איך וויל און סיי ווען ס'גייט קאפויער.

מוהרא"ש אליין איז אויך געגאנגען צו זיין ווייב'ס פרענדס חתונה, דאס האט מוהרא"ש אליין דערציילט ביי א דאנערשטאג נאכט שיעור, ער האט גארנישט געהאט מיט די חתונה, נאר זיין ווייב האט אים געבעטן צו גיין מיט איר איז ער געגאנגען.

דעמאלטס איז געווען די מעשה ווי איינער א קורצקעפיגער האט געזען דעם גרויסן גאון און צדיק ר' אהרן קאטלער זכרונו לברכה אריינקומען אין זאל, רופט זיך אן דער אויבער חכם צו מוהרא"ש אז ער זעט נישט קיין גדלות אויף ר' אהרן, נאר ווען זיין אדמו"ר באווייזט זיך, פאלט א פחד אויף אלע ארומיגע וואס זעען זיין פעלעכדיגן ווינטער-בעקיטשע (די מעשה האב איך געהערט פון מוהרא"ש און ס'ווערט אויך געברענגט אין שיחות מוהרא"ש).

מוהרא"ש האט א גאנצע שמועס ווי א בן תורה וואס ליגט אין לערנען יומם ולילה קען בענעפיטירן פון דעם רבי'נס דרך הלימוד. (אשר בנחל חלק ל"ט, דף מ"ז, מכתב ו' תקכ"ד עיין שם היטב בעיון רב ויונעם לך).

ווער נישט צופאלן ווען ס'גייט נישט ווי מען וויל.

דו מוזט אויך האבן א וועג אין תורה וואס ארבעט אין יעדן מצב, פון זאגן משניות קען מען נישט ווערן געשטערט... בורטדעי שמורטדעי... בעסטע פרענד שמעסטע פרענד... אויפרייס שמויפרייס... בריסקעט שמיסקעט... איך לערן תורה ווי מער איך קען... א מענטש וואס זאגט משניות איז אים גרינגער נישט צו בלאזן און כעס'ענען ווען דער עולם מאכט בורטדעיס און וואך-נאכטס אן זיך רעכענען מיט מיין סקעדזשל

לאמיר עס פרובירן, איין פרק א טאג, איין דף א טאג.

ווען איז די נעקסטע נישט-אויפרייס בריסקעט בורטדעי פארטי?

# קוק אהער

## טשארטער סומאטאכע

הע! זעהסט כ'הגעוויסט!! נאך א מזל... נאך א נס, איך קען דיר ממש נישט מסביר זיין מיין שמחה! אוי נעבעך די נאראנים... שוין, זאל יעדער טון וואס איז גוט פאר זיי... אבער הא הא הא אוי זענען זיי אלע צוגעפיקסט געווארן, הו הו אבער נאך וואו...

זיי האבן געמיינט זיי האבן דעם ראש ישיבה, אוי האט זיי דער ראש ישיבה געוויזן... אזא גוט שטיקל... נעבעך, איך פיל אזוי שלעכט פאר זיי... אבער איך בין אזוי העפפי ברוך השם אה!

ס'טוט זיך א פייערונג, דער ראש ישיבה איז למעשה נישט געפארן מיטן טשארטער אזוי ווי מענטשן האבן געמיינט... א מזל איך האב נישט געבוקט די טשארטער זעסטו, הא, פלאצן זאלן זיי!

אזא סורפרייז! דער מנהל איז דא, ער איז געקומען צו אונזער שול אויף שלש סעודות, די שמחה איז גאר גרויס, משפחת שטראססער האט זיך ארויפגעשלעפט דעם גאנצן וועג צו אונזער שול פעולות הצדיק מיטן נייעם שארטקאט וואס גייט פון האשקי ביז איסט מאנגאופ ביי ר' מרדכי אהרן היילפרין'ס פראפערטי, א פיינע שארטקאט וואס פארגרינגערט און פארקערצערט שטארק די וועג פון האשקי קיין רעדקליף.

"וואס זאל מען רעדן" פרעגט דער מנהל, דער מנהל נעמט ארויס א חומש פרשת כי תבא "לאמיר זעהן וואס קען מען עפעס ארויסנעמען חיזוק פון די פרשה."

נאכן בלעטערן אהין און אהער זאגט דער מנהל "וואס זאל איך אייך זאגן, איך בין נאך געבליבן שטעקן אין פרשת כי תצא, די גאנצע מעשה פונעם בן סורר ומורה, ומורר, ומורא, בקיצור דער צדיקל וואס גנב'עט א פולן טערמייטער פלייש, די גאנצע פרשה שרייט 'דרשנט מיך' נעם ארויס פון מיר עפעס א לימוד, קוועטש פון מיר עפעס אויס לעובדא ולמעשה.

איז טאקע גאר שווער וואס איז די מעשה מיט דעם בן סורר וואס איז קיינמאל געווען און וועט קיינמאל נישט זיין, וואס האט ער שוין געטון אז מ'גייט אים אויסרייסן און הרג'ענען ווייל אזאנס טאר נישט אויפוואקסן, דא קומט עפעס וואס טאר נישט זיין, עפעס וואס די תורה זאגט עס מוז אויסגעריסן ווערן!

מ'זעהט אין די תורה אז ס'איז דא א סיסטעם פון הרג'ענען, א מענטש טוט א הארבע עבירה זאגט די תורה, דער מענטש דארף מען הרג'ענען. ס'איז דא לייכטערע מיתות און שווערערע מיתות, א מענטש טוט אן עבירה, ער איז מחלל שבת זאגט די תורה 'סקילה!

דא אבער זעט מען עפעס וואס מ'זעט נישט אין די גאנצע תורה, א גאנצע ליסטע פון אינגרידיענטס וואס דארף פארקומען צו קענען טאקע אויספירן דעם צדיקל. אויב האט ער אלעס געטון וואס די תורה האט אויס גערעכנט, גע'גנב'עט די פלייש, גע'גנב'עט די וויין, געמאכט א סעודה פארן כל הקהל הקודש אויף זיין טאטעס פראפערטי, ער שעלט, ער טוט אלעס פונקטליך, סיי זיין טאטע און סיי זיין מאמע קומען אין בית דין שרייען יאמערליך 'בנינו זה איננו שומע בקולינו'ביידע שרייען, בית דין קוקט אלעס איבער, יא ס'שטימט פונקטליך, ס'קוקט אויס ווי דער בחור איז קוואליפיצירט פארן פאסטן, בית דין מאכט נאר שנעל זיכער "מרת רעבעצין, איר הערט?"

ניין! זי הערט נישט, זי איז טויב!

א גוטן טאג, איר קענט אהיים נעמען אייער זון, ס'איז גארנישט מיט נישט, מ'דארף גארנישט זארגן, מ'דארף אים נישט מעניש זיין.

וואס איז פשט?

ווען די סייענטיסטן זענען געווען אין דעם אונטערערדישן בונקער אין עריע 52 ובראשם דער באוויסטער ד"ר. אלבערט איינשטיין און אויסגעטראפן דעם אטאם, האבן די גענעראלן געלאכט, וואס מיינט דעם?

ביז דעמאלט איז מלחמה געווען זייער פשוט, ס'איז דא א קאנאן שיסער מיט גרויסע באמבעס, גרויסע קאנען, מ'שיסט עס און ס'ווערט א חורבן, מ'האט עס מאדיפיצירט, ס'איז געווארן עראפלאנען מיט מיסלס אבער אלעס

ישראל דוד העסקעל



אויף די זעלבע שטייגער.

דא זיצן זיי אנגעקליידערט אין ווייס פון קאפ ביז פוס, ריזיגע גאס מאסקעס אויף די פנימ'ער, בלויע הענטשיך מיט ריזיגע אויגן שיצער, און זיי מישן עפעס א געמויזאכטס, אביסל פון דער מין וואסער מיט א געוויסע פונקטליכע מאס פון דער סארט קעמיקאל, אביסל פון די סארט שטיינער, מען קאכט עס, מען פרעגלט עס, מען באַרייכערט עס און ער שאלט פאר שמחה, זיי האבן עס דורכגעבראכן!

די גענעראלן קוקן זיי אן אראפ פון זינען "זענט עט נאריש? די מויזאכטס דא אין שיסל איז אזוי מאכטפול אז ס'קען אפווישן א גאנצע שטאט ביז א מינוט? וואאאאס?"

אבער יא, דאס איז דער מציאות, דער אטאם איז אזוי מאכטפול אז ביז קוים עטליכע סעקונדעס מאכט ער פלאך שטעט מיט לענדער.

נעם ארויס אביסל פון די וואסער פון די באמבע און ס'ווערט אן אומשולדיגע מויזאכטס. די תורה פארציילט אונז די אינגרידיענטס פון דעם סורר ומורה, אויב שטעלט זיך עס צאם איז עס אן אטאם באמבע, ס'מוז גראד ווערן אפגעשטעלט, אויב אבער פעלט די מינדעסטע קלייניקייט איז גארנישט!

ער וואונדערט זיך, וואס איז די גאנצע עסק 'ראש ישיבה'??? כ'מיין, בארואיג דיך ס'איז דא נאך צדיקים, נאך ערליכע אידן און מ'קען יעדע זאך קוקן וואס שטייט אין די תורה, אונז זעמער דאך נישט קיין גרים... יא?! מוזטו פרעגן פאר דו אטעמסט אויב זאל איך אטעמען?

קוק, גאנץ כלל ישראל גייט אן אזוי שיין און זיס, קיינעם פעלט גארנישט, נאר ביי ענק הערט מען נישט אויף האקן אין קאפ מיט יעדע ריר ראש ישיבה אהין ראש ישיבה אהער, דער ראש ישיבה האט אזוי געזאגט, דער ראש ישיבה האט אזוי געשריבן... וואס איז די מעשה מיט ענק?

מיין פריינט, אין אכציג יאר ארום גייט דיין קליינער זיסער אומשולדיגער קיוט בעיבי זיין אן אכציג יעריגער אן קיין ציינער. וואס קען דיר היינט פארזיכערן אז זיינע קינדער און אייניקלעך וועלן אפגיסן נעגל וואסער און גיין און שול לייגן תפילין?

ווי אזוי קען מען מאכן אן אטאם באמבע אן אינגרידיענט צו פארזיכערן מיינע קינדער און מיינע דורות זאלן בלייבן מיט א געפיל צו תורה און מצות?

די סוד איז, לאמיר קוקן ווי אזוי זענען מיר דא, וואס האט אונז געהאלטן צו פארבלייבן תורה טרייע אידן נאך איבער צוויי טויזנט יאר פון גלות וואס יעדן טאג פאלט שטיקער כלל ישראל, צווייטע וועלט מלחמה, השכלה, קאמוניזם, קאנטאניסטן, משיחי שקר, נבאי שקר, מינים ואפיקורוסים, ציוניזם, גזירות על גבי גזירות וואס האבן פארשניטן שטיקער פון כלל ישראל איז ווי אזוי זענען מיר דא, וואס האט געמאכט אז מיר זאלן האבן בארד און פיאות, אנטון א ציצית און ליינען קריאת שמע? וואס איז די סוד?

די סוד איז ווייל אונזערע זיידעס זענען נאכגעגאנגען צדיקים מיט מסירת נפש, יא פארשטאנען, נישט פארשטאנען, יא געקענט, נישט געקענט, זיי האבן אויף גארנישט געקוקט!

דער ראש ישיבה זאגט אז די אלע וואס האבן געפאלגט זיבעציג יאר צוריק ווען די צדיקים האבן געהייסן ארויסטראסקענען דעם טעלעוויזיע פון שטוב, די האבן אויפגעשטעלט שיינע דורות, אפילו דעמאלט איז עס געווען א ביטערע שווערע נסיון און די לצים אין פאָליש האבן געזאגט 'מע, איך וועל עסן האליפטשעס מיט העלזל, מיר זענען גוט, דער צדיק פארשטייט נישט, דער צדיק האט אפילו מיר געזאגט, עה מע, נא נא

# קוק אהער

איך דיר, לאדער אפ, יעדער מוווזזז עס האבן, פון די פארקוועטשטע תמימים וועט גארנישט בלייבן, א חוזק וועלן זיי זיין...

יא יא, זיבעציג יאר פארציילט ליידער ווער איז געבליבן דער חוזק, נישט דא קיין המשכת הדורות, מ'איז קלוגער פונעם צדיק, מ'פארשטייט אלעס בעסער... ה"י!

דאס איז מיין עצה, דאס איז מיין וועג, אלע מנהגים, מלבושים און מאכלים, ניגונים און ריקודים זענען שיינע וויכטיגע יסודות'דיגע זאכן, אבער אז דער עיקר אינגרידיענט פעלט, וועט גארנישט בלייבן!

די ווילסט דיין בעיבי ביי די אכציג זאל טראגן א צלם אלוקים? ער זאל גיין מיט בארד און פיאות און ווייטער ציען דורות? גיס אים אפ נעגל וואסער און זאג אים 'איך גיס דיר נעגל וואסער ווייל דער ראש ישיבה זאגט אז גיסן נעגל וואסער ברענגט יראת שמים' טויזנט מאל א טאג זאל ער הערן 'ראש ישיבה' 'ראש ישיבה' וועט ער געדענקען און וויסן אז לעבן ווי א איד גייט סינאנים מיט נאכגיין א צדיק, מיט פאלגן א צדיק, מיט חזר'ן די ווערטער און שיחות פונעם צדיק הונדערט און איין מאל א טאג, איך אטעם ראש ישיבה!

איך האב נאר א קליינע הוה אמינא אז דער ראש ישיבה גייט גיין אויף דעם וועג ווייל איך אויך גיין דעם וועג, דער ראש ישיבה וועט מילא טון וואס איז גוט פאר אים, א צדיק האט זיינע חשבונות אן קיין פארוואס, אן דעם וואס מיין פיצי קעפעלע זאל עס פארשטיין, און אדרבה זאל יעדער מאכן דעם ריכטיגן חשבון אויף וועלכע וועג ער דארף פארן קיין אומאן, אבער איך וועל טון יעדע זאך וואס איך קען, צו ווייזן פאר מיינע קינדער מיר גייען וואו דער ראש ישיבה גייט, מיר פירן זיך ווי אזוי דער ראש ישיבה שטעלט אוועק מיר זאלן זיך פירן' אויב פאר דיר קענסט נישט טון די זאך וואס יענער טוט, פאר דיר קומט יעצט אויס בעסער צו טון אנדערש, וואס לאכסטו פון אים?

וואס איז די גרויסע דשאוק ביי דיר אז יענער וויל נאכגיין דער ראש ישיבה, וואס טרייבסטו דאס געגנאר 'נעבער, א שוואנץ' באלד הייבסטו אן זיך דרייען מיט ליצנים און דו ווערסט אוועקגעריסן פון דא.

פחד פחדים איז געווען צו קוקן דעם ארטיקל פון ר' יחזקאל סאמעט אין די בלעטל, א שיינע ארטיקל באצירט מיט בילדער פון אומאן פון די לעצטע פאר יאר, פון קוים אכט יאר צוריק און איך דערקען וויניגער ווי דריי פנימער! וואו זענען זיי? וואס איז די עצה אז אין אכט יאר ארום זאל איך נישט זיין עפעס א פנים אויף א בילד וואס קיינער געדענקט שוין נישט מיין נאמען?!

איין קליינע מאך אוועק, איין קליינע ליצנות און איך פארליר סיי מיין לעבן און סיי מיין המשכת הדורות, איך ווער פארשניטן!

יא! איך וועל נאכגיין א צדיק מיט יעדן אטעם! אויב דרייסטו זיך נעבן מיר, וועסטו הערן 'ראש ישיבה ראש ישיבה' און אויב דו ווערסט שוין צו נערוועז, דאן קענט איר אייך טרעפן אנדערע חברים, איך דארף נישט דיין חבר'שאפט און איך ברויך נישט דיין גיפט ווי דו ביסט אזוי שיין מסביר נאכאמאל 'דער ראש ישיבה פארשטייט נישט....' 'איך האב געזאגט פארן ראש ישיבה....' איך בעט דיר ברחמים, שטיי נישט נעבן מיר, פארגיפט מיך נישט, איך וויל נאך אז מיינע איר איר אייניקלעך זאלן זיין תורה טרייע אידן וואס גייען אויך נאכגיין א צדיק, שנייד מיר נישט אוועק מיינע דורות

"פארוואס קום איך אינעם בנין אין אומאן?" האט דער ראש ישיבה האט געפרעגט אויפן וועג אהיים פון אומאן, "ס'איז דא שענערס און בעסערס און נענטערס, פארוואס קום איך פונקט דא?"

און נאך טיפער "פארוואס אין וויליאמסבורג גיי איך צו מיין הויז, איך קען דארט האבן גרויסע שיינע האטעלן און הייזער, אבער איך קריך איך ארויף צו מיין קליינשיגע דירה אויפן זיבעטן שטאק?! נאר וואס? ווייל דאס איז מיין הויז, איך גיי אהיים צו מיין הויז - היכל הקודש איז מיין הויז, דער בנין איז מיין הויז, אמת איך קען האבן שענערס און בעסערס און באקוועמערס ערגעץ אנדערש, אבער דא איז מיין הויז איך וויל נאר מיין הויז."

אויב וועלן מיר אנטלויפן פון יעדע שמעק פון ליצנות וועלן מיר זוכה זיין צו קענען זיך דערהאלטן ביים צדיק אין היכל הקודש און מיר וועלן האבן אן המשכת הדורות פון אידן קינדער און אייניקלעך יראים ושלימים.

איך וועל נאכגיין דעם צדיק, איך ריר מיר נישט קיין זוז כל שהוא פונעם צדיק, איך בין נישט קלוגער פונעם צדיק, מיין שכל איז אינגאנצן בטל צום צדיק!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו**

# פאר די ברסלב'ע שטוב



פון מאנהעטן קיין קרית ברסלב: א שמועס מיט מרת ווײַלדי וואס איז געבוירן און אויפגעוואקסן אין די רוישיגע גאסן פון מאנהעטן, און וואוינט היינט אינעם שטילן שטעטל קרית ברסלב

## קרית ברסלב בלעטל וואונטשט פאר אלע חשובע משפחות א פריילעכן יום טוב סוכות

מחשבה:
אין שויס פון טאטן

ארטיקל:
חול המועד האלטן בטעם היכל הקודש



ר. איידליס

# מאנהעטן קרית ברסלב



האט איר אמאל געהערט דעם אויסדרוק "הלוואי קען איך מיך אויפרייסן און אנטלויפן קיין מאנהעטן..." דא ברענגן מיר אייך א שמועס מיט א פרוי פון אנשי שלומינו, וואס וואוינט היינט אין אונזער שיינעם שטעטל קרית ברסלב, וואס איז געבוירן און אויפגעוואקסן ביז די חתונה אינעם רוישיגן מאנהעטן וואס גלאנצט פון אינדרויסן מיט שיינע רייכע סטָארס און הויכע וואלקן קראצער בנינים, און איז די פלאץ וואס מען קומט צו גיין פון אלע עקן וועלט. לאמיר הערן פון איר אליין פארוואס ס'האט איר געצויגן אן אנדערן סארט לעבנסטייל, און וואס האט איר געברענגט קיין ברסלב אוועק פון די פאלשע גלאנץ.

## א גוטן מרת ווילדי! אויב דו קענסט פארציילן אביסל פון דיין לעבנס געשיכטע, און ווי אזוי דו ביסט אנגעקומען קיין ברסלב.

איך בין געבוירן און אויפגעוואקסן אין לאויער איסט סייט מאנהעטן, איך האב געוואוינט אין א ריזיגע בילדינג וואס ס'איז א קאמפלעקס פון פיר בנינים, און יעדע בילדינג אנטהאלט אין זיך 420 דירות. ס'איז נישט אזוי ווי די פראדזשעקט בנינים, וואס איז געבויעט ספעציעל פאר מענטשן וואס האבן נישט צו צאלן קיין רענט, דאס איז אינגאנצן אנדערש, ס'איז שיינע רייכע דירות, געבויעט פאר בעסערע מענטשן. א גרויסע חלק באשטייט טאקע פון אידישע איינוואוינער, אבער דאך פילט מען אז מ'וואוינט צווישן גוים.

## וויאזוי איז צו לעבן אין מאנהעטן ווי ס'שטראמען מענטשן אויף די גאסן מערסטנס טייל פונעם טאג?

אויף די גאס וואו איך האב געוואוינט איז די שטראם פון מענטשן נישט אזוי געפערליך ווי אין די הויפט גאסן, אבער ס'איז יא פיל מיט קארן וואס פארן א גאנצן טאג.

## אין וועלכע סקול האסטו געלערנט דארט, און מיט וועלכע סארט מיידלעך האסטו פארברענגט?

איך האב געלערנט אין א סקול וואס איז געווען אויסגעמישט אלע אידן וואס זענען שומר תורה ומצות, איך בין געקומען מער פון א פשוטע שטוב, איך האב געלערנט מיט מיידלעך וואס קומען מער פון רייכע משפחות, אבער מ'האט זיך געפילט זייער היימיש איינער מיטן צווייטן, אפילו מ'איז געקומען פון אן אנדערע סארט background.

אין מיין קלאס איז געווען 27 קינדער, דאס איז געווען די גרעסטע קלאס אין סקול, אנדערע קלאסן איז געווען 11 אדער 17.

איך פלעג אסאך פארברענגען מיט די מיידלעך וואס האבן געוואוינט אין מיין קאמפלעקס וואס זענען געווען מער פשוטע און ערליכע מיידלעך.

## יעצט איז דאך יום טוב סוכות, וואס קענט איך פארציילן וויאזוי ס'איז צוגעגאנגען א סוכות אין מאנהעטן, וואו האט מען געבויעט די סוכה און אזוי ווייטער?

אה דו ברענגסט מיך ארויף גוטע זכרונות, איך פלעג ארומגיין קלאפן ביי די הייזער וואס האבן א מזוזה און געבעטן זיי זאלן צושטייער געבן פאר די גרויסע סוכה וואס מיין טאטע האט אהערגעשטעלט פאר אלע איינוואוינער צוזאמען. אויך פלעג איך מאכן שיינע נוי סוכה מיט מיינע געדאנקען און בייפאלן צו באצירן דעם סוכה, דאס האט מיר אריינגעברענגט א געוואלדיגע טעם אינעם יום טוב. די סוכה איז געווען א ריזיגע סוכה, ס'האט געהאט אין זיך 24 גרויסע טישן, יעדע משפחה האט געקענט עסן פאר זיך די סעודות יום טוב.

## איז געווען מענטשן וואס זענען געשלאפן אין די סוכה איבערנאכט?

מ'האט געקענט שלאפן אין די סוכה אויב מ'האט געוואלט, אבער ס'איז געווען סכנה'דיג דאס צו טון וועגן די גוים וואס דרייען זיך דארט. איין איד אן אייניקל פון רבי משה פיינשטיין זי"ע איז יא געשלאפן אין די סוכה במסירות נפש. רבי דוד פיינשטיין זי"ע א זון פון רבי משה זי"ע פלעגט אסאך מאל קומען צו דעם סוכה, ווייל ער איז געקומען באזוכן זיין זון וואס האט געוואוינט דארט. איך פלעג מיך פארשטעקן אינטערן סוכה אים צו קענען זען.

אן אינטערעסאנטע פאל האט פאסירט איינמאל סוכות ווען רבי דוד איז געקומען באזוכן, ער האט זיך אראפגעזעצט אינעם סוכה, דערנאך איז ער ארויס זיך וואשן זיין הענט פאר נטילת ידים, פונקט דעמאלט איז אראפגעפאלן די סכך אויפן פלאץ ווי ער איז געזיצן א סעקונדע פאר דעם, דער אייבערשטער האט אפגעהיטן דעם צדיק ער זאל נישט געשעדיגט ווערן.;

## זייער אינטערעסאנט צו הערן. אין וועלכע שול פלעגט דיין טאטע דאווענען? און אויב איך קענט אביסל פארציילן איבער דעם שול וויאזוי ס'פירט זיך.

די מתפללים אין דעם שול ווי מיין טאטע דאווענט באשטייט פון א קאלירפולע עולם, אנגעהויבן פונעם רב הרב הארוויץ שליט"א וואס טראגט א שטריימל שבת ווי א חסידישער איד, ביז א מאן מיט א לאנגע פּאָני אויפן קאפ, רוב זענען ערגעץ אינדערצווישן.

ביי די פרויען איז דא א באבע מיט א



קליינע טיכעלע אויף די האר, און פון די אנדערע זייט איז דא א פרוי וואס קומט מיט א זעקל ספרים, און לערנט אירע שיעורים... אויך איז דא א פרוי וואס טוט אסאך אין קירוב, און ברענגט מיט אירע איידעלע תלמידות וואס זענען יא אדער נישט א חלק פונעם אידישן פאלק... פארשטייט זיך אז ס'איז דא א היפשע פָּאר וואס זענען ערליך און ס'איז א געשמאק צו זיין מיט זיי אין איין שול.

## ווען און פארוואס האט אייך אנגעהויבן ציען לעבן אויפן חסידישן סטייל?

איך פלעג זען דא דארט חסידישע אידן, וואס די טאטע גייט מיט א שטריימל וואס זעט אויס ווי א קעניג וואס טראגט א קרוין אויפן קאפ, ער גייט שיינע געדרייטע פיאות און א זיידענע בעקיטשע. די מאמע גייט אנגעטון אזוי שיין שבת'דיג ווי א קעניגן, דאס האט מיר זייער געצויגן, ס'האט שטארק גערעדט צו מיין נשמה, איך האב געשפירט אז ס'האט א העכערקייט אין זיך, א ריינע און לויטערע גייסט, איך האב דאס געוואלט דערגרייכן.

מיין טאטע און מאמע האבן מיר זייער שיין ערצויגן אלס ערליכע און פרומע אידן, וואס האבן מיר אלעס געגעבן ברוחניות ובגשמיות, און איך שפיר א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר זיי פאר דאס וואס זיי האבן מיר אזוי ווארעם ערצויגן, אבער דאך האט מיר געצויגן צו די חסידישע וועג פון לעבן.

דער אמת איז אז מיין זיידע איז געווען א הייסער וויזשניצער חסיד אינדערהיים פאר די מלחמה, נאר ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע איז ער אויפגעוואקסן אמעריקאניש געשטימט, במילא האט זיך אויסגעשטעלט אז מיין פאמיליע איז געווארן א ליטווישע משפחה. זעט אויס אז ס'פליסט נאך אין מיר די חסידישע בלוט...





## וואס איז געווען דיין קומענדיג שריט צו דערגרייכן וואס איר זוכט?

איך האב געהאט אפאר קאזינ'ס וואס האבן חתונה געהאט צו חסידי'שע מענער, איך בין געווארן זיינער נאנט צו איינע פון די קאזינ'ס וואס פירן אזא סארט שטוב. איך בין אדורך דעמאלט א שווער צייט אין סקול צוליב דעם וואס איך האב נישט געקענט די שווערע טעקסטס וואס מ'האט געהאט, וואס אויב מ'קען נישט די לימודים שפירט מען ממש א דורכפאל.

אזוי אויך מיט די משפחה איז געווען דעמאלט א שווערע צייט צוליב דעם וואס מיין באבע איז געווען ביי אונזער הויז ווייל מיין זיידע איז געווען נישט געזונט.

איך געדענק איין ערב שבת האב איך זייער געוויינט צו מיין קאזין אויפן טעלעפאון, נאכן זיך אויסרעדן דאס הארץ זאגט זי מיר "איין מינוט". איך הער ווי זי רעדט צו איר מאן, נאך אפאר מינוט קומט זי צוריק צו מיר און געבט מיר איבער וואס איר מאן האט ג'עצה'ט: "מיין מאן האלט דו זאלסט ליינען ברסלב'ע ספרים, דאס וועט דיר העלפן אנגיין אין לעבן און אדורכגיין אלע שווערע צייטן". דאס איז געווען די אנהייב פון די לאנגע השתלשלות אנצוקומען קיין ברסלב.

שכח אייבערשטער אז איך האב אפילו נישט געוואוסט פון מענטשן וואס רעדן לשון הרע אויף ברסלב, איך האב נישט געוואוסט אז ס'איז דא אזא זאך אז געוויסע קוקן דאס אראפ.

שכח אייבערשטער אז מיין קאזין האט מיר דעמאלט געגעבן א קונטרס אויף ענגליש מיטן נאמען "די לייט אוו אמונה", דאס איז בריוון פונעם ראש ישיבה פון ספר "עצתו אמונה" איבערגעטייטשט אויף ענגליש, איך האב עס גוט אדורכגעליינט, און איך האב געטראכט "דאס איז עפעס מורא'דיג, דאס איז ממש וואס איך זיך אין לעבן, איך זע דא אז די אידישע לעבן איז אזוי שיין און זיס."

שפעטער האב איך געטראכט צו שרייבן מיין אייגענע בריוו צום ראש ישיבה, אבער איך האב געהאט אפאר פראבלעמען דערמיט, די ערשטע פראבלעם איז אז איך קען נישט קיין אידיש נאר ענגליש, איך האב געטראכט אז מסתמא קען דער ראש ישיבה נאר אידיש. די צווייטע פראבלעם איז ווי אזוי גייט מיין בריוו אנקומען צום ראש ישיבה. און די דריטע פראבלעם וואס איך האב געהאט איז אז איך האב נישט געהאט קיין אנונג וואס איך וויל פרעגן...

## וואס האט איר טאקע געטון, האט איר געשריבן א בריוו צום ראש ישיבה?

ס'איז אריבערגעגאנגען צוויי וואכן נאכן באקומען די קונטרס און עס אדורכלערנען נאכאמאל און נאכאמאל, דעמאלט האב איך ברוך השם צאמגעשטעלט עפעס א בריוו, איך האב געשריבן א שאלה וועגן צניעות, א שאלה וועגן א שידוך, און וועגן גיין זומער צו א חסידי'שע קעמפ.

אבער וויאזוי בין איך טאקע אנגעקומען צו וויסן וואו צו שיקן? איז די מעשה געגאנגען אזוי; איך האב גענומען די ענגליש לייט אוו אמונה וואס איך האב געהאט, איך האב דארט געזוכט ווי אזוי איך קען שיקן א בריוו. עס איז געווען דארט א וועבסייט זייטל, אויפן וועבסייט האב איך געזען אז ס'איז דא קאסטומער סערוויס אימעיל, איך האב געשיקט א אימעיל פרעגן ווי אזוי איך קען שרייבן אן אייגענע בריוו צום ראש ישיבה. זיי האבן מיר צוריגעשיקט א לינק וואו איך קען פרעגן א שאלה. איך בין געווארן אזוי פריילער אז ענדליך גיי איך שוין קענען שיקן מיין אייגענע בריוו. למעשה האב איך געזען אז אלעס איז אין אידיש "באשעפער איך קען נישט קיין אידיש! וואס טו איך דא?"



עפעס אביסל ווערטער אין אידיש האב איך געקענט, ווייל מיין טאטע האט מיר דאס אויסגעלערנט, אבער נישט צו סאך. איך האב געזען אז ס'איז דא א קנעפל וואס שטייט "פרעג א שאלה." די ווארט 'פרעג' ווייס איך נישט פונקטליך, אבער די ווארט 'שאלה' ווייס איך מיינט א question. נאכדעם האב איך מיך געכאפט אז די ווארט 'פרעג' איז אזוי ווי דאס וואס מען זאגט פסח ביים סדר 'טאטע לעבן איך וויל דיר פיר קשיות פרעגן' אה ס'איז די זעלבע זאך! ס'מיינט 'פרעגן א שאלה'.

איך דרוק אריין דארט, קומט ארויף די ווארט 'נאמען', עפעס וואס איך האב נישט געוואוסט פונקטליך וואס דאס מיינט. למעשה האב איך אנגעהויבן שרייבן אויף ענגליש א שאלה צו דער ראש ישיבה. דעמאלט האב איך שוין געוואוסט אז אז מען רעדט אויף ברסלב אז מען האט חתונה אביסל פריער, איך האב זיך אזוי געפריידט צו דעם, ווייל איך האב שוין געוואלט ווערן א כלה...

נאכן שיקן די בריוו האב האב געווארט פאר אן ענטפער אבער איך האב גארנישט באקומען.

איין טאג האט מיר מיין קאזין גערופן אז זי גייט גיין צום אהל אין קווינס אויב איך וויל מיטקומען מיט איר, איך בין קיינמאל פארדעם נישט געגאנגען צו א צדיק'ס ציון, דאס איז געווען מיין ערשטע מאל. איך בין אנגעקומען דארט און איך האב זיך ארום געקוקט און נישט געוויסט וואס איך דא פילן. ביז איך האב זיך דערמאנט אז איך דארף בעטן און דאווענען, איך האב גענומען א תהילים און אנגעהויבן זאגן איין קאפיטל נאכן צווייטן.

דערנאך האב איך ארויסגעקוועטשט אפאר ווערטער צום אייבערשטן: "באשעפער איך ווייס נישט וואס איז גוט פאר מיר, איך בין אזוי צופלויגן אזוי פארלוירן, איך ווייס נישט אויב ס'איז גוט פאר מיר צו גיין קיין ברסלב. באשעפער העלף אז דער ראש ישיבה זאל מיר ענטפערן, און איך זאל קענען גיין אן שוועריקייטן. איך זאל קענען האבן א גוטע שידוך. העלף מיר איך זאל קענען דארט גיין אין קעמפ, עס זאל זיין קלאר פאר מיר אויב דאס איז טאקע גוט פאר מיר." נאכן רעדן צום אייבערשטן האב איך געשפירט אזוי גוט אז איך האב מיך געקענט אויסדרוקן אין ווערטער.

אפאר טעג שפעטער האב איך געזען אז איך האב באקומען א בריוו פון דער ראש ישיבה... איך בין געווען אזוי פרייליך דערפון עס האט מיר ממש אויפגעלעבט און צוגעגעבן א שטיק לעבן, איך האב געפילט ווי איך האב געוואונען די לאטערי.

שפעטער האב איך געזאגט פאר איינע פון מיינע פרענד'ס אז איך האב געשיקט א בריוו פאר דער ראש ישיבה, האט זי מיר געזאגט שטילערהייט בסוד סודות אז איר שוועסטער איז ברסלב. איך האב איר געבעטן די נאמבער פון איר שוועסטער. איך האב גערופן און געשמועסט מיט איר יעדע וואך א לאנגע צייט.

איין מאל האט זי מיר געלאזט וויסן אז ס'גייט זיין א ברסלב'ע שבת התוועדות, עס וואלט געווען א עכטע שיינע שבת פאר דיר, וועסט באמת הנאה האבן אויב דו קומסט.

איך האב זייער שטארק געוואלט קומען אויף דעם שבת, אבער איך האב נישט געזען ווי אזוי עס קען זיין מעגליך אז מיין משפחה זאל מיר לאזן גיין.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען גיין. ממש פאר שבת האט מיר די פרוי געזאגט אז מען זוכט בעיביסיטער'ס פאר שבת, איך האב געטראכט צו מיר אז עכט וויל איך נישט זיין קיין בעיביסיטער, אבער אויב דאס איז די איינציגסטע אויסוואל צו קענען מיטהאלטן דעם שבת וועל איך עס טון. לאמיר פרעגן מיין טאטע. איך בין געזעצן מיט מיין טאטע אויפן קאוטש און איך פרעג אים: "טאטי איך קען גיין צום שבת התוועדות? זיי דארפן א בעביסיטער." האט ער מיר געזאגט "יא קענסט גיין, אבער פרעג אויך רשות פון מאמי." שטילערהייט זאג איך צו מיר: 'שכח אייבערשטער', און איך בעט דעם אייבערשטן אז מיין מאמע זאל מיר אויך געבן ערלויבעניש. און איך זאג פאר די פרוי: "מיין טאטע זאגט אז איך קען קומען אבער איך דארף אויך פרעגן מיין מאמע." זי הייבט מיר אן צו זאגן אז מען



גייט מיר שיקן טרענספּאָטעישן, און מען גייט האבן א קאנפערענץ מיט אלע בעיביסיטער׳ס פארדעם, כדי מען זאל וויסן וואס צו טון. איך זאג איר ״שכח איך גיי דיר צוריקקאלן, לאמיר גיין פרעגן מיין מאמע.״ איך בין געגאנגען פרעגן מיין מאמע און נישט מער און נישט ווייניגער זי זאגט מיר אז איך קען גיין...

ברוך השם איך בין געגאנגען צום שבת. עס איז געווען הערליך שיין, איך האב זייער שטארק הנאה געהאט צו שמועסן מיט די אלע ברסלב׳ע פרויען וואס איך האב געטראפן דארט במשך דעם שבת.

## דארטן איז געווען די ערשטע מאל וואס

## דו האסט געטראפן ברסלב׳ע פרויען און ברסלב׳ע מיידלעך?

יא. ווען איך בין אהיימגעקומען האב איך שוין גלייך געוואלט צוריקגיין, איך האב געפילט ווי א מאגנעט ציעט מיר צוריק אהין. די קומענדיגע געלעגנהייט איז געווען פורים, דעמאלט בין איך געגאנגען מיטהאלטן די פרייליכע טענץ אין ישיבה. אזוי אויך בין איך געגאנגען צו א חתונה וואס איז געווען אין ישיבה, ס׳איז פאר מיר געווען א נייע סצענע מיטצוהאלטן.

אזוי אויך בין איך געקומען אפאר מאל צו א שיעור אין סקול, וואס דאס איז געווען א ריזיגע מעשה פון תפילה, ווייל איך האב געדארפט דעמאלט האבן א טריפ פון מיין קלאס, מיר האבן געהאט א פראגראם ווער עס ברענגט אריין כך וכך געלט גייט קענען גיין אויף א טריפ, און מיין קלאס האט געברענגט די מערסטע געלט, עס איז געווען צו א טראמפאלין פארק. מיין מאמע האט מיר געזאגט: ״דו דארפסט אכט געבן אויף דיר, ווייל דו האסט זיך שוין עטליכע מאל צובראכן א ביין פון די סארט טריפס.״ למעשה בין איך טאקע נישט מיטגעגאנגען, אבער איך האב איר געזאגט אז איך ווייס עס גייט זיין א שיעור אין די ברסלב׳ע סקול אין וויליאמסבורג, אפשר קען איך גיין דארטן אנשטאט די טריפ. א נאכט



פארדעם האב איך פרובירט צו באקומען רשות צו קומען צו די שיעור, ווייל איך ווייס אז מען קען נישט קומען אן רשות. אויך האב איך געפרעגט די פרינציפל צו איך האב רשות צו קומען צו די שיעור.

איך האב גארנישט צוריקגעהערט אויב איך האב רשות צו קומען. למעשה בין איך אריבערגעפארן צו די סקול נאכן זען אז אויב איך וויל ערגעץ אנקומען דארף איך טון עפעס אויף למעשה. איך קום אן צו די טיר טרעף איך עס צוגעשפארט, מען קען נישט אריינגיין, איך האב פרובירט רופן איינעם נאכן צווייטן, אבער קיינער האט מיר נישט געקענט העלפן. ביז איך האב פארשאפט די נומער פון דער מנהל אין חדר. איך האב אים גערופן און פארציילט אז איך וויל זייער שטארק אריינגיין צום שיעור. איך ווייס נישט ווי אזוי ס'איז געשען (איך ווייס יא וויאזוי, ווייל איך האב געבעטן דעם אייבערשטן), אבער ער איז מיר געקומען עפענען די טיר... איך בין ארויפגעגאנגען אין סקול, שכח אייבערשטער איך האב געקענט אנקומען צום שיעור, און געקענט הערן מורא'דיגע חיזוק וואס רעדט צו מיין הארץ.

ברוך השם אז ס'איז אויסגעקומען נאך אפאר מאל וואס איך האב געקענט מיטהאלטן שיעורים אין סקול.

## ביי יענע שיעור האסטו שוין געקענט אידיש? האסט פארשטאנען וואס דער ראש ישיבה רעדט?

איך האב קוים פארשטאנען וואס ער רעדט, אבער ער האט גערעדט אביסל אין ענגליש ספעציעל פאר מיר, ס'איז געווען זייער זיס. דער ראש ישיבה האט א ערליכע ענגליש, ער רעדט נישט אזא גוטע ענגליש, וועגן זיין גאנצע טאג איז אנגעפילט מיט תורה און אידישע זאכן, במילא דארף ער נישט די ענגלישע שפראך. איך גלייך זייער צו הערן דער ראש ישיבה'ס ענגליש. איך האב געהערט אביסל וואס איך האב געדארפט צו הערן, נאכן הערן נאך און נאך שיעורים האב איך זיך צוביסלעך אויסגעלערנט מער און מער אידיש.

## היינטיגע צייטן רעדסטו א געשמאקע אידיש, ווען האסטו זיך דאס אלעס אויסגעלערנט?

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען רעדן, ליינען, און פארשטיין א גוטע אידיש, שכח אייבערשטער אז איך האב זיך דאס געקענט אויסלערנען.

## שפעטער ביזטו אריין לערנען אין בית פיגא סקול?

ס'האט מיר זייער שטארק געצויגן, אבער לעת עתה האב איך נישט געקענט, ס'איז נאכנישט געווען די ריכטיגע מינוט. שפעטער ווען ס'איז געקומען פאר די זומער סעזאן, האב איך אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען גיין אינעם ברסלב'ן בית פיגא קעמפ.

עפעס א קאזין האט פרובירט צו איבעררעדן אז מ'זאל מיך נישט לאזן אהינגיין, ווייל איך וועל נישט קענען טרעפן קיין שידוך.

שכח אייבערשטער ס'איז מיר בייגעפאלן אויב האב איך א דזשאב אין אפסטעיט וועט מען מיך געבן ערלויבעניש צו גיין. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א דזשאב, שכח אייבערשטער מ'האט מיר אנגעטראגן א דזשאב ביי א דאקטער'ס אפיס אין ODA. איך בין דארט געווען אנהייב טאג, סוף טאג האב איך געקענט פארברענגען מיט די געשמאקע בית פיגא תלמידות אין קעמפ.

סוף זומער האט מיר שוין אנגעהויבן דרוקן וואס איך טו דא ווייטער, איך האב נישט געוואלט זיך געזעגענען פון אזא געשמאקע סביבה. איין אויסוואל איז געווען צו צוריקגיין אינעם זעלבן סקול, אבער איך וואלט געדארפט איבערמאכן אלע דורכגעפאלענע טעסטס, און דעם קען מען נישט ארויפגיין צו צוועלפטע קלאס און באקומען א דעפלאמע.

איך האב אנגעפרעגט ביים ראש ישיבה וואס צו טון, ער האט מיר קלאר געמאכט אין מיין מח איך זאל זיך אויסשמועסן אפען מיט מיינע עלטערן וואס מיינע רצונות זענען באמת, לערנען אין סקול, גיין ארבעטן, אדער חתונה האבן.

צום סוף האט זיך אויסגעשטעלט אז ODA האט איר געבעטן זי זאל ארבעטן פאר זיי אין וויליאמסבורג, אבער איך האב מורא געהאט אז מיין מאמע וועט נישט זיין צו פרייליך דערמיט. צום סוף איז מיין מאמע געגאנגען צו רעבעצין מלכה פיינשטיין תחי' פרעגן וואס צו טון, זי האט געענטפערט אז באמת וואלט גוט געווען צו צוריקגיין אין צוועלפטע קלאס, אבער אזוי ווי אנצוקומען אין סקול דארף זי איבערמאכן די שווערע טעסטס, איז בעסער זי זאל גיין ארבעטן און נישט צוריקגיין אין סקול. דאס אז איך האב נישט געקענט די טעסטס אין סקול און געהאט אזא שווערע דורכגאנג, איז גאר געווען מיין פערזענליכע ישועה.



איך בין טאקע געגאנגען ארבעטן ביי ODA אין ווילימסבורג. יעדע דאנערשטאג 3:30 ווען דער ראש ישיבה האט געגעבן א שיעור פאר בית פיגא האט מיר ברוך השם מיין בעל הבית געלאזט ארויסגיין און דעמאלט נעמען די לאנטש ברעיק וואס איז געווענליך 12:00. שכח אייבערשטער ס'האט זיך אלעס אזוי גוט אויסגעשטעלט פאר מיר נאכן זען אז איך מיין עס אמת'דיג.

## וויאזוי איז צוגעגאנגען דיין שידוך?

אין די זומער האט דער ראש ישיבה שוין אנגעהויבן רעדן צו מיינע עלטערן וועגן א שידוך פאר מיר, מרת לעסער תחי' האט למעשה גאר שטארק צוגעהאלפן אויסצופירן מיין שידוך. ראש חודש כסליו תשפ"ג איז ברוך השם געווען די גליקליכע טאג וואס מ'האט געבראכן טעלער, איך בין א כלה געווארן צו מיין חשובן מאן מו"ה בנימין ווײלדי הי"ו תלמוד הישיבה. די חתונה איז פארגעקומען אין ישיבה ד' תרומה תשפ"ג.

היינט צוטאגס וואוין איך דא אין קרית ברסלב ליבערטי וואס באשטייט פון 150 חשובע ברסלב'ע איינוואוינער, איך האב שוין ברוך השם א קינד וואס ברענגט מיר א צופרידענקייט אין לעבן. איך האב זייער הנאה צו וואוינען דא צווישן אזעלכע וואוילע משפחות וואס מ'לעבט צוזאמען מיט א מורא'דיגע אחדות, און מ'העלפט זיך ארויס איינער דעם אנדערן ווען ס'פעלט זיך אויס.

## זייער זייער א אינהאלטסרייכע היסטאריע. וועלכע מעסעדזש קענסטו איבערלאזן פאר די חשובע ליינערס?

אויב איך - א מיידל פון מאנהעטן - האט געקענט באקומען א חסיד'ישע שידוך, און האבן אזא שיינע געשמאקע לעבן, אלעס דורך תפילה, שפיר איך אז יעדער קען עס באווייזן אנצוקומען ווי ער שטרעבט, מען דארף נאר בעטן דעם אייבערשטן יעדע זאך וואס ס'ליגט אויפן הארץ וועט מען סוף כל סוף אנקומען צו דעם. ■





ג. פעקעטע

# נתי וואס לאכסטו?!

א יך זיץ מיר אין מיין סוכה'לע פון ברעטעלעך און סכך, ענדליך דערגרייכט די הערליכע שמחה'דיגע יום טוב סוכות, א גאנץ יאר קוקן אונז ארויס פאר די לעכטיגע יום טוב, די יום טוב וואס מען איז זוכה צו שפירן ארומגענומען מיט דעם אייבערשטענ'ס ליבשאפט, מיט דעם אייבערשטענ'ס גוט'ס.

איך נעם אפאר מינוט זיך אומצוקוקן אויף מיין שווערע ארבעט פון די לעצטע פאר וואכן, די סוכה איז הערליך שיין באצירט, עס הענגען טרויבן, פייגעלעך, פרוכט און גלאנציגע זאכן פון די סכך.

אויף די ווענט איז דא שיינע נוי סוכה, פון יעדע קאליר און יעדע סארט, ס'איז דא וואס די עלטערע האבן געמאכט, און ס'איז דא דאס וואס די יונגערע האבן אהיימגעברענגט פון חדר מיט די גרעסטע שמייכל און געוויזן אז דאס האב איך אליין געמאכט.

אין די סוכה איז אלעס שיין צוזאמען, מען הענגט אויף די הערליכע, און אזוי אויך די פשוט'ע, זייט ביי זייט זיצן זיי אלע אויף די ווענט, און באצירן די סוכה, באשיינען די מצוה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן.

איך פראביר זיך צו כאפן מיין אטעם נאך די לאנגע מערעטאן וואס האט מיר געפירט אהער אריין, אין די לעכטיגע באצירטע סוכה, אה א מחי'ה. איך אטעם אריין, אין אטעם ארויס, און איך שפיר ווי די שכינה קומט אריין אין מיר. די לעכטיגקייט פון די סוכה, די הייליגקייט פון דעם טאג, די שמחה וואס מען שפירט נאכן בעטן און דאווענען, וואכן און טעג, אריינצוברענגען די יום טוב מיט א שמחה, מיט א געשמאק, מיט א פרייליכקייט, און צו זוכה זיין צו שפירן דעם טעם אין די יום טוב, דאס קען מען נישט באשרייבן, דאס קען מען נישט באצאלן, דאס קען מען נאר שפירן אויב האט מען זיך אליין צוגעגרייט צו די הייליגע יום טוב סוכות, מיט תפילה מיט בעטן און נאכאמאל בעטן, און זיך איבערגעבן צום אייבערשטן אז די גאנצע הכנה צום יום טוב זאל גיין

גרינג און געשמאק אן קיין פרעשור מיט אסאך שמחה.

ווען איך האב זיך געכאפט די אטעם, קוק איך ארום און איך זע אז ס'איז געבליבן נאך אביסל ארבעט צוצוענדיגן אויף טיש צוצוגרייטן די יום טוב'דיגע סעודה. צוזאמען מיט מיינע קינדער ברענגט מען אריין די הערליכע גלעזער, די שיינע נעפקין רינג'ס, מען דעקט טיש ס'זאל זיין גרייט אפצונעמען די חשוב'ע געסט די זיבן אושפיזין וואס קומען אריין ביי מיר אין סוכה.



„א גוט יום טוב! א גוט יום טוב!" קומט דער טאטע אריין מיט די אינגלעך מיט לעכטיגע פנימ'ער פון שול. מען האט שוין אזוי לאנג ארויסגעקוקט אויף די הייליגע יום טוב סוכות. יעדער מאכט זיך באקוועם, טרעפט זיך א פלאץ, און מען זינגט די זמירות איינצולאדענען די אושפיזין אין אונזער הייליגע סוכה'לע.

אזוי הייבט זיך אן די סעודה מיט א פרייליכע טאן, די קינדער זענען נאך זייער פרייליך, און האלטן אין איין טראגן און ברענגען אריין און ארויס פון די סוכה מיט פרייליכע פנימ'ער.

ערגעץ אינמיטן די סעודה האט זיך נתי צולאכט, ער האט אנגעהויבן לאכן אזוי הויעך אויפן קול, און זיך געווארפן פון גרויס געלעכטער. מיין מאן געבט א קוק אויף אים און פרעגט: „נתי, וואס לאכסטו?" און אזוי האט זיך די גאנצע משפחה צוזאמען אנגערופן „נתי, וואס לאכסטו?" „נתי, וואס לאכסטו?" ס'איז געגאנגען אויף אלע טענער, העכער, שטילער, קוויטשעדיג, מורמל'דיג „נתי, וואס לאכסטו?" „נתי, וואס לאכסטו?". אזוי ארום האט יעדער איינער זיך גענומען לאכן, און פון אזויפיל זאגן „נתי, וואס לאכסטו?", האב איך אים א פרעג געטון: „נתי, וואס לאכסטו?" אין מיין קאפ האט זיך אנגעצינדן א ליכטל, און איך פרעג עס איבער נאכאמאל: „נתי, וואס לאכסטו?" „נתי, וואס לייכסטו?" אין מיין מח האט אנגעהויבן לייכטן מיט א פרייליכע מחשבה, אזוי פשוט, אזוי גרינג צו קענען גיין פון 'לאכן' אויף 'לייכטן'.

א קינד דארף נישט מער ווי דאס צו הערן פון די עלטערן א גוט ווארט, צו שפירן פון די עלטערן אז מען האלט פון זיי, אז מען טראכט אז זיי זענען חשוב, אז זיי זענען טייער, און זיי לייכטן, זיי לייכטן אויף אונזער שטוב, זיי לייכטן מיט די תורה, זיי לייכטן מיט די מצוות וואס זיי זענען מקיים.

איך האב עס איבערגעפרעגט איינמאל און נאכאמאל, ביז צוביסלעך האט מען געזען אז די לעכטל צינדט זיך אן ביי יעדנ'ס מח, און דער עולם האט אנגעהויבן איבערפרעגן: „נתי, וואס לייכסטו?", און שנעל זענען געקומען צו פליען ענטפער'ס. „ער לייכט ווייל ער האט אן ציצית!" „ער לייכט, ווייל ער איז אין די הייליגע סוכה!" „ער לייכט, ווייל ער גייט מיט א קאפל!" „ער לייכט, ווייל זיינע עלטערן מאכן אים פילן אז ער איז חשוב, און ער איז טייער!" ער לייכט און לייכט ער לייכט און לייכט.

און אזוי איז עס אין יעדע פרט פון אונזער לעבן, ווען מען טוישט די לאכן, מען קוקט עס נישט אן מיט שאנד, מען קוקט עס נישט אן אויף א וועג אראפצוקלאפן, מען טוישט די מח, מען טוישט די בליק אויף די בילד, און מען הייבט אן פרעגן: „וואס לייכסטו? מיין טייער קינד". „וואס לייכסטו? מיין חבר'טע". וואס לייכסטו? מיין מאן". קען מען יעדן איינעם אויפבויען, און זיי מאכן אמת'דיג לייכטן.

עס דערמאנט מיר האט דאס וואס דער רבי זאגט מען זאל אויפזוכן א פינטל גוט'ס אין יענעם. און אזוי מאכט מען יענעם לייכטן, מאכט מען יענעם בעסער, מאכט מען יענעם שיינער. דורך דעם וואס איך וועל אויפזוכן איין קליינע גוט'ס אין א צווייטן, אפגערעדט אין זיך אליינ'ס, איך נעם די קליינע פינטל און איך טראכט „פארוואס לאך איך? פארוואס בין איך פרייליך?" און דורך דעם בין איך זוכה צו אנהייבן לייכטן.

שפעטער האט מען געזען ווי די קינדער טאנצן און שפרינגען ארום. האט מיין מח געטראכט 'וואס טאנצן זיי דא אזוי?' און אט האב איך זיך געגעבן א כאפ 'וואס טאנצן זיי דא אזוי?' פארוואס טאנץ איך נישט, מיר דארפן טאנצן טאג און נאכט, אויף די פיל חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז.

ווען מען זעט עפעס ביי יענעם, און מען טראכט גוט'ס אויף דעם, דורך דעם איז מען זוכה, אז מען הייבט אן טאנצן, און ווערן גליקליך מיט די גרויסע חסדים, וואס דער אייבערשטער האלט אונז אין איין באגליקן.

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!

# Pineapple parve cheesecake

BY: H. JAY

## INGREDIENTS:

- 2 PIE CRUSTS
- 1 CAN CRUSHED PINEAPPLE (DRAINED)
- 4 EGGS
- 1/2 CUP OIL
- 1/2 CUP SUGAR
- 1/2 CUP FLOUR
- 1 T VANILLA SUGAR
- 1 TSP BAKING POWDER.

## DIRECTIONS:

MIX WELL ALL INGREDIENTS. POUR EVENLY INTO THE TWO PIE CRUST PANS.

PUT INTO THE OVEN FOR 350 FOR 45 MIN.

WHEN COOL, DECORATE TO YOUR TASTE OR ADD CHERRY FILLING. ENJOY WITH HASHEM!





# מחשבה

ב. טראכטער

## אין שויס פון טאטן

דעם פארגאנגענעם ווינטער בין איך געפארן קיין לאנדאן אויף א משפחה שמחה.

נאך צוטיילן די קינדער, אפשיקן די פעק און זעק און אינזין האבן די מתנות פאר די בעלת מכניס אורח פון מיינע קינדער, האב איך שוין ארויסגעקוקט אויף די קורצע וואקאציע, און שוין אויסגעוואורט די פאר רואיגע שעות אויפ'ן פליגער אן קיין טעלעפאן ווי איך וועל האפענטליך קענען כאפן א קורצע דרימל און זיך אנשעפן מיט פרישע כוחות פאר די שמחה בעז"ה.

איך האב מיטגענומען מיין זעקס חדשים'דיגע מיידעלע מיט מיר און שטיל געבעטן ביים באשעפער אז זי זאל מיטשפילן מיט מיינע פלענער און אויך כאפן א שטיקל דרימל מיט מיר אינאיינעם.

10:30 ביינאכט האבן מיר זיך אין א מזל'דיגע שעה ארויסגעלאזט אויפ'ן רייזע איבער'ן ים.

א האלבע שעה דערויף האט מען פארלאשן די לעקטערס און ברוך ה' איך מיט מיין קליינע צדיקת זענען שנעל איינגעזינקען אין א פארמאטערטע זיסע שלאף.

נישט לאנג האט אבער אנגעהאלטן די "רואיגע וואקאציע." קוים איז אריבער א שעה און איך האב זיך פלוצלינג דערוועקט צו א שטארקע שאקל, כאילו איינער שאקלט מיר ביים אקסל אז איך זאל זיך דערוועקן.

איך האב געעפנט מיינע אויגן דערשראקן און זיך ארומגעקוקט. ניין, קיינער שלעפט נישט מיין אקסל, אבער וואס איז געווען די שאקלעניש? איך קוק זיך ארום. ארום מיר זע איך אנדערע מיטרייזנדע אויך מיט די זעלבע אויסדרוק. ווער האט צוגערויבט די קוים געכאפטע שלאף.

עס האט מיר גענומען אפאר מינוט זיך צו ארעניענטירן און פארשטיין אז דאס איז פשוט געווען שטארקע "טורבולענס" פון פליגער. נו, מאכט זיך צומאל.

איך פארמאך די אויגן און איך האף צו קענען צוריקפליען צווישן די וואלקענעס צום עולם החלומות. אבער בלויז געציילטע מינוטן איז אריבער און דאן ווידער א שאקל... און דאן נאך איינס, איינס ווילדער פון צווייטן

אצינד האט זיך אנגעהויבן אנזען סימנים פון אנגעצויגנקייט ביים עולם. די מיטרייזנדע האבן זיך וועקגעזעצט און אייגעבינדן. געוויסע האבן געזאגט זייערע מבינות אז דאס איז נישט פשוט, ער פארט שוין יארן און דאס האט ער נאך קיינמאל נישט געשפירט.

א צווייטער האט געהאט צו זאגן אז מיר פארן מן הסתם אריבער א געגנט וואס איז געטראפן געווארן פון א האריקעין... אזוי צו אזוי איז די מצב נישט געווארן גרינגער, אלע סטועדרדס זענען פארבעטן געווארן זיך צו זעצן, כדי צו פארמיידן סכנה. און אזוי, צווישן הימל און וואסער האט זיך אונזער ערעפלאן געווארפן, בשעת מיר, די מיטרייזנדע ווארפן זיך פאר שרעק.

מיט יעדע פארבייגייענדע מינוט איז די פאניק אויפ'ן פליגער געשטיגן.

זייענדיג אין איד צווישן אזויפיל נישט אידישע פאסאנזשירן האב איך מיט מער כוונה פארמאכט די אויגן און געבעטן דעם אייבערשטן זאל מיר היטן און באגלייטן.

און אויב די בלוט דרוק פונעם עולם איז נאכנישט געווען גענוג הויעך, האט דער פילאט איבערגענומען די מייקראפאן און געמאלדן אין א רואיגע(?) שטימע, "טייערע מיטרייזנדע, עס האט זיך געמאכט אומערווארטעטע טורבולענס וואס דאס פארשאפט די וואקלעניש, אויך האבן מיר א "מילדע" פראבלעם מיט איינע פון די ענדשינס, דעריבער וועלן מיר אצינד איבערשפילן די זיכערהייט איינצלהייטן אין פאל ואס מיר וועלן דארפן מאכן אן עמערדזשענסי לאנדונג. מיר בעטן אייך צוצולייגן קאפ און זיך האלטן

רואיג, איך קענט זיין זיכער אז מיט מיין עקספעריענס (ליין: אייבערשטן'ס הילף) וועט דאס נישט אויספעלן. איך וועל אייך (בס"ד) פירן צו סעיפטי. יישר כח פאר'ן פליען מיט דעלאט און פאר אייער טראסט (ווער האט אים איינגערעדט?) אין אונזער סערוויס."

מער האט נישט אויסגעפעלט, דער עולם איז אריין אין אזא פאניק, א גרויסע טייל האט פראבירט צו שאפן ווי-פיי זיך צו פארבינדן צו די אונטערשטע וועלט, ווער ווייסט וואס די קומענדיגע מינוטן וועלן ברענגען?

אויך איך האב זיך גוט דערשראקן, מיין הארץ האט געקלאפט מיט א שטארקע אימפעט, איך האב פעסט פארמאכט די אויגן און געטראכט וואס מוהרא"ש זי"ע האט געזאגט, "א מענטש זאל זיך פארשטעלן א וועלט אנגעפולט מיט בלויז אייבערשטער. עס איז גארנישט דא חוץ אייבערשטער, און דו שטייסט אינדערמיט."

אך, די זיסע טעם פון זיין ארומגענומען נאר מיט'ן באשעפער. די פארזיכערטע געפיל פון אין עוד מלבדו... קיינער, אבער קיינער קען מיר נישט שעדיגן. איך האב זיך אביסל בארואיגט... אבער נאר אביסל. יעדע פאר סעקונדעס בין איך פריש געווארן איבערגענומען מיט פאניק און שרעק.

און דאן האב איך געעפנט די אויגן און זיך ארומגעקוקט.. אין א פליגער פון איבער 150 פאסאזשירן איז געווען בלויז איינער וואס איז געזעצן זארגלאז און רואיג, כאילו די גאנצע פרשה מיינט נישט איר. איך האב זיך נישט געדארפט צופיל אנשטרענגען צו קוקן אין איר ריכטונג, זי איז געזעצן ממש נעבן מיר און געקוקט צו מיר מיט א רואיגע שמייכל.

מיין זעקס חדשים'דיגע צדיקת.

זי איז געזעצן זארגלאז און פרייליך, געשמייכלט און אפילו געפאדערט אביסל עסן, זי איז געווען גענצליך רואיג... ווייל זי איז געזעצן... אין איר מאמע'ס שויס.

כגמל עלי אמו - ווי א קינד אויף זיין מאמע. אט דאס איז דער אויסדרוק וואס דוד המלך נוצט אין זיין הייליגן ספר תהלים. אן אויסדרוק פון פולקאמע אמונה, תמימות, גאנצקייט אין באשעפער, ווי א קינד וואס שפירט פארזיכערט ביי איר מאמע.

דאס האט מיר דערמאנט פון די מעשה וואס דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט פון א איד ר' מענדל פוטערפוס ז"ע וואס איז געווען פארוואגלט אין סיביר צוליב איינע פון די קאמוניסטישע פארברעכן וואס ער איז (לכאורה נישט) באגאנגען.

ר' מענדל דערציילט אז איין טאג האט זיך אויפגעשטעלט א קונצן מאכער און האט אריבערגעשפרייזט צווישן צווי הויכע בערג אויף א דינע שטריק. דער עולם איז געשטאנען געשפאנט צו זען צו ער וועט עס מאכן און יא! ער האט עס געמאכט.

הילכיגע פאטשרייען האבן אפגעקלינגען אין דעם קאלטן ווייטן סיביר. דערנאך האט דער קונצן מאכער זיך אנגערופן, "ווער פון אייך איז מסכים צו קומען מיט מיר אינאיינעם אויף א שפאציר איבער'ן שטריק? איך וועל אים אריבערפירן אין א וועגעלע..."

קיינער האט זיך נישט אנגעטראגן. א קליין מיידל האט זיך אבער פלוצלינג אויפגעשטעלט און אויסגעשריגן "איך..."

דער עולם האט זיך דערשראקן אבער דאס קינד איז מיט א דרייסטקייט צוגעגאנגען צום קונצן מאכער און אזוי מיט'ן קינד אינאיינעם האט ער ווידער אדורכגעמאכט די מסוכנ'דיגע רייזע.

ווען מען האט שפעטער געפרעגט דאס מיידל וויאזוי זי האט נישט מורא געהאט האט זי געענטפערט מיט א פשטות, "ער איז דאך מיין טאטע, ער וועט מיר געוויס נישט ארייגלייגן אין געפאר."

דארט אין יענע מינוטן, צווישן הימל און ים, האב איך זיך גע'חזר'ט, "דער באשעפער איז מיין טאטע, ער היט מיר, איך האב נישט מורא, איך בין אין זיינע הענט..."

איך האב טיף איינגעאטעמט די אמונה פילן און זיך צוביסלעך בארואיגט (ב"ה איך דערצייל די מעשה אין פריידן...).

איך האב געקוקט אויף מיין שיינדעלע, איר איז גוט, זי זיצט אויף איר מוטער'ס שויס. איר איז נישט קיין חילוק אויב מיר זענען העכער די אטלאנטיק אקעאן, אדער אויפ'ן רעקליינער אינדערהיים, אז זי איז מיט'ן מאמע איז איר גוט.

און מיר אויך, עס איז מיר קיין חילוק אויב איך זיץ אויפ'ן פאטעל, אויב אלעס גייט לויט'ן פלאן, אויב פרנסה פליסט ווי א קראן, אדער אויב עס דרוקט מיר און קוועטשט מיר, איך זיץ ביים טאטן און עס איז מיר גוט און אנגענעם, א טאטע פארלאזט נישט זיין קינד.

אט זענען מיר ארויס פון די הארציגע זיסע תפילות פון די ימים נוראים, עס קלינגט נאך די ערליכע פיוט פון כחומר ביד היוצר...

ווי ליים אין די הענט פון טעפער, ווי זילבער אין די הענט פון זילבער-שמיד, ווי גלאז אין די האנט פון א גלעזער, אט אזוי זענען מיר אויך אין דיינע הענט, רבוש"ע, דו זארגסט פאר אונז, דו פארעמסט אונז און דו גיבסט אונז געגוי אלעס וואס מיר דארפן, א שאד צו זארגן, א שאד די שרעק.

דער אייבערשטער טוט נאר גוטס.

און אט גייען מיר אריין אין די הייליגע סוכה, א פאנצער קעגן די טורבולענס און די קעלט פון די ווינטער טעג, מיר פארלאזן אונזערע באקוועמע ווארימע שטובער און גייען פארברענגען אכט טעג אין ביידלעך אונטער'ן פרייען הימל.

און דוקא דארט שפירט מען אזא זיסקייט,

אזא לויטערקייט, אזא ווארימקייט (טראץ די שטעטל'דיגע קעלט...) וואס די גרעסטע פארטי פלענער וועט נישט מצליח זיין נאכצומאכן.

וואס איז דאס? וואס איז אזוי ספעציעל דערפון, אז אלע אידן זענען מעיד מיט בענקעניש א גאנץ יאר אויף די ליכטיגע סוכות נעכט מיט די משפחה אין די קאלטע סוכה'לע די קליינע... מיט ברעטעלעך געמיינע...?

דאס איז די געפיל פון "א קינד אין טאטנ'ס שויס", פון אין עוד מלבדו. די סוכה ווערט אנגערופן צילא דמהימנותא - די שאטן פון באשעפער. וואס קען דען זיין בעסער, ווי זיצן אין מחיצה פון גן עדן, איך מיט'ן באשעפער אליינס?

דאס איז א העכערע געפיל וואס נאר אמונה קען אונז געבן.

מיר גייען ארויס פון אונזערע היימען, פון אונזער איינרעדעניש אז "מיר" טוען, מאכן, באשיצן... און מיר זעצן זיך אריין אונטער די שטערנס, אונטער'ן שוץ פון באשעפער, מתחת כנפי השכינה.

דער אייבערשטער נעמט אונז אריין ווי א טאטע נעמט אריין זיין קינד אין זיינע ארעמס, אזוי ווי מיר זענען, מיט אונזערע מעשים, מיט אונזערע מדות. צדיקים האבן געזאגט אז דאס איז די איינע מצוה וואס מען טוט אפילו מיט די שמוציגע שטיוול.

דער אייבערשטער נעמט אונז ארום מיט ליבשאפט און וויקלט אונז איין אין זיין סוכה'לע, נישט נאר אויף זיבן טעג, נאר דאס איז א אונזער מעדעציין וואס וועט אונז דורכטראגן א גאנץ יאר.

דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט, "דער יום טוב גייט נישט אוועק, דער יום טוב קומט מיט."

דער הייליגער רבי זאגט אונז אז די גרויסקייט פון א מענטש ווערט געמאסטן לויט וויאזוי מען דערהאלט זיך.



וויאזוי דערהאלט מען זיך? דאס האט מיר מיין קליינע שיינדעלע געלערנט, אז מיר מאכן תפילה אלעמאל צו געדענקען אז איך בין אין מיין טאטנ'ס הענט, דאן ווערט מיר רואיג און פרייליך אויפ'ן הארץ.

די יארצייט פון הייליגן רבי'ן געפאלט אויס סוכות. דער רבי לערנט אונז א גאנץ יאר סוכות, אמונה. דער רבי לערנט אונז צו לעבן און אטעמען ענני הכבוד.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז מיר זאלן האבן די אמונה פון פרויען און "קליינע קינדער", מיט פשטות און תמימות, אן חשבונות, עס דארף נישט מאכן סענס.

דער באשעפער איז מיין טאטע, ער איז דאך א כל יכול... איז דאך פשוט אז איך קען און דארף אים אלעס בעטן...

איך האב לעצטנס מיטגעהאלטן פון די נאנט א פאל ווי די עקספערטן האבן דיאגנאזירט מיין חבר'טעס כתה ג' אינגל "דיסלעקסיק." ער וועט קיינמאל נישט קענען ליינען פליסיג, אין בעסטן פאל מיט אסאך דרויסנדיגע הילף וועט ער "עטוואס" קענען "שווערליך" אפליינען א פסוק חומש.

נו,נו... דער עקספערט ווייסט אסאך, אבער ווייזט אויס אז ער האט זיך געדארפט לערנען נאך עפעס. די כח פון א אידישע תפילה. די כח פון א אידישע מאמע וואס איז מבכה על בניה - וואס וויינט אויף אירע קינדער.

קוים איז אריבער אפאר וואכן, מיין חבר'טע האט כסדר געגאסן תפילות. פשוט'ע, אידישע, פון הארצן... אויף מאמע לשון, "באשעפער העלף מיין יוסף'ל קענען עברי. איך וויל ער זאל וואקסן א צדיק, א תלמיד חכם. באשעפער דו קענסט דאך אלעס, העלף אונז טאטע."

די קינדער זענען ארויס אינדערפרי און די אידישע מאמע האט געעפנט איר סידור פארמאכט די אויגן און זיך אויסגעוויינט, "והערב נא, טאטע זיסער, מאך ליכטיג פאר מיין צדיק, ער זאל קענען ליינען און לערנען און דאווענען... און וואקסן א ירא שמים."

די סוף פון די מעשה ווייסט איר געוויס, יא, עס איז א שיינע מעשה פון תפילה..

דער עקספערט איז געבליבן שאקירט, דער מנהל האט זיך געוואונדערט, דער רבי האט שפעקולירט אויב "יוסף האט זיך נישט סתם אזוי געמאכט ווי ער קען נישט..."

אבער דער אמת איז אז מיר האבן א גרויסע טאטע, וואס איז א שומע תפילות. ער ווארט און גארט צו הערן אונזערע בקשות און תפילות. ער ווארט מיר זאלן אים אויסדערציילן אונזער גאנצע הארץ און ער טוט אונז העלפן און אונטערשטיצן פילע צענדליגער טויזנטער מאל אין טאג.

איך האב צוגעדרוקט מיין שיינדעלע צום הארצן און ארויפגעשיקט א שטילע תפילה צווישן די וואלקענעס.

באשעפער העלף איך זאל אלעמאל זיך פארלאזן אויף דיר כגמל עלי אמו, ווי א קינד אויף איר מוטער. איך זאל אטעמען אמונה יעדע מינוט פון מיין לעבן און געדענקן אז איך בין כחומר ביד היוצר און קיינמאל נישט פארגעסן אז כן אנחנו בידך חסד נוצר... איך בין אין דיינע הענט!

פאר די ברסלב'ע שטוב

מ. פאפענהיים

## א דורכגעווייקטע
# סוכה



איך האב געעפנט דעם פריזער צוריקצולייגן די אייז קרעים נאכן סעודה, איך באטראכט מיט סיפוק די פולע אנגעפילטע פאליצעס, שכח אייבערשטער, ס'איז מיר געלונגען! טאקע מיט אסאך תפילות, אבער ס'איז געווען א מחי'דיגער ערב יום טוב.

צוביסלעך האב איך געקענט אפבאקן און אפקאכן איין זאך נאך די אנדערע און דער פריזער איז געווארן אנגעפילט מיט אלע גוטע עסן, אזוי איז ברוך השם אדורך א רואיגע ערב יום טוב.

ס'איז געבליבן גענוג ארבעט פון צופרי ביזן זמן, אבער איך האב זיך אנגעשטרענגט און אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז אלעס זאל אריינגיין אין די ביסל צייט און דער עיקר עס זאל זיין רואיג און פרייליך אין שטוב.

יעצט האלט מען שוין נאך די ערשטע סעודה, איך האב געפילט די מידקייט אין אלע ביינער, אבער ווען די מענער האבן געזונגען ושמחת בחגך האב איך געטראכט אז יא, אלעס

האט אזוי שיין געקלאפט און איך קען טאקע זיין פרייליך!

ערגעץ צווישן חצות און די עלות איז געווארן נאכט, נאכדעם וואס די אינגלעך האב געענדיגט אריינשלעפן יעדנס מאטראץ און אריינקומען יעדער פאר מינוט נעמען נאר נאך איין דעקע, ווייל "מאמי ס'איז מיר זייער קאלט!"

איך בין קוים געשלאפן עפעס ווייל די בעיבי האט זיך דערוועקט אינמיטן נאכט, און נאך פאר וואס און ווען איז געווארן ליכטיג. יעצט האב איך מיטגעהאלטן ווי מיינע בחורים רישן זיך ארויס, די אינגלעך האבן זיך שוין אויך אויפגעוועקט פון זייערע רעדערייען, און געמוזט מיטגיין אין שול צו שאקלען לולב.

אויב האב איך געמיינט אז די קליינע וועלן שלאפן אביסל לענגער און איך וועל האבן אביסל שטילקייט זענען זיי גאנץ שנעל אויפגעשטאנען, ווייסט וואס? אנשטאט צו קלאגן אז איך בין גארנישט געשלאפן לאמיר אלעמען אנטון און אריינגיין זיצן אביסל אין סוכה, די וועטער איז שיין, לאמיר עס אויסנוצן.

איך האב געהאלטן אינמיטן אנטון די בעיבי, ווען רבקה'לע מיט שיינדעלע זענען שוין ארויסגעלאפן אין סוכה, נאך אפאר



מינוט זענען זיי שוין געווען צוריק נעבן מיר נאס... דורכגעווייקט... וואס? עס רעגנט? ניין! ס'קען נישט זיין! ווען די אינגלעך זענען ארויס צום שול האב איך דאך געזען אז דער הימל איז הערליך אויסגעשיינט!

"מאמי! ס'רעגנט פון דער ערד!" שרייט שיינדעלע.

"אלעס אויף דער ערד איז נאס!" זאגט רבקה'לע.

איך לויף שנעל צו, ס'ווערט מיר נאס פאר די אויגן, פון ערגעץ וואו רינט אריין וואסער, טאקע פון די וואנט נעבן ערד, אלעס - איז - נאס! די דעקעס, קישענעס, וואס די בחורים האבן נאכנישט צוריקגעלייגט אויפן פלאץ איז יעצט דורכגעווייקט נאס! וואס מיינט עס? פון וואו קומט עס דא? דער הימל איז לויטער, די זון שיינט אריין צווישן די סכך, עס רעגנט פון גאס?

עפעס טוט זיך א גערודער אינדרויסן, אפשר טאקע רעגנט פון דער ערד? איך גיי צום פענסטער, און איך זע א וואסער פאל אנטקעגן מיינע אויגן! איך געפין זיך אויפן צווייטן שטאק אבער עס שטראמט ארויף וואסער פון אונטן מיט א שטארקע שטראם ביז מיין פענסטער, און ווייל אונזער סוכה שטייט אויפן פארטש רינט אריין די וואסער גלייך אינעווייניג אין אונזער סוכה!

הייליגער באשעפער! וואס דארף עס מיינען? עס שווינדלט מיר פאר די אויגן, מיין קאפ דרייט זיך, איך קען נישט! די קינדער לויפן ארום מיט נאסע וועש. און די סוכה... דארט ווערט וואס א מינוט מער ערגער און ערגער, וואס זאל איך פריער טון?

מיין נייגער טרייבט מיר צום אנטקעגנדיגן פענסטער, פון דארט זע איך שוין בעסער דאס בילד ווי עס שטראמט פון אונטן מיט א שטארקע שטראם אויף ארויף, און צושפרייט זיך אויפן גאס. א גאנצער געזעמעל איז שוין פארזאמלט אין גאס, מענטשן גייען מיט די ארבע מינים אין די הענט, און קענען נישט אריבערגיין די גאס וועגן די וואסער וואס שטראמט!

איך קוק זיך ארום, איך זע מיין שכנה שטייט ביים פענסטער מיט פארקלעבטע אויגן ארויסגעריסן פון שלאף "וואס גייט פאר?" פרעג איך איר. "קוק דארט - ווייזט זי מיר - די הויפט רערער פון די אונטערשטע שטאק האט געפלאצט און עס שפריצט וואסער אויף אלע זייטן!"

"איז פארוואס קען מען גארנישט טון צו דעם?!" - פרעג איך איר נערוועז - "זיי שטייען דארט סתם און קוקן?"

זי ציט מיט די אקסלען - "איך ווייס נישט, עס איז גראדע אינטערעסאנט, קוק ווי הויך עס שפריצט! ממש א וואסערפאל! און עס איז נאך ריינע וואסער. וויפל זענען מענטשן גרייט צו צאלן נאר צו פארן זען עפעס אן אינטערעסאנטע וואסער... און דא איז עס אנגעקומען אנטקעגן מיין שטוב..."

ממש אינטערעסאנט!!! זי האט אזוי באוויזן מיר אנצוצינדן אז איך האב געשפירט אז עס גייט נעמען שפריצן פונקען פייער, עס גייט דא זיין פייער און וואסער... א פעסטע חול המועד רייד... איך בין באצייטנ'ס וועקגעגאנגען פון פענסטער. "טאטע זיסער! איך קען עס נישט נעמען! האב איך געשריגן אין מיר אליין, גיב מיר די כוחות! איך ווייס נישט וואס צו טון!"

שיינדעלע און רבקה'לע האבן מיר געצויגן די קלייד "מאמי! איך וויל זען ווי עס שפריצט וואסער!"

איך שפיר נאר אז איך וויל ערגעץ אנטלויפן, אבער ווייסט וואס? זאלן זיי זיצן ביים פענסטער און קוקן אביסל, וויניגער זיך דרייען דא און איבערקערן...

זיי זענען דורכגעווייקט נאס, איך טו זיי שנעל איבער טרוקן און זיי שטעלן זיך ביים פענסטער, איך קען יעצט גארנישט טון, איך שטעל זיך קוקן נעבן זיי, דער געזעמל אין גאס איז שוין גרויס, און אויך היסטעריש, מענטשן דארפן גיין א גרויסער אומוועג אנצוקומען באצייטנ'ס אין שול שאקלען לולב.

די שכנים זוכן עצות וואס צו טון אין יום טוב מיט אזא צופלאצטן רער, מיר זעען ווי דער אויבערשטער שכן גייט צו אפשפארן די וואסער, און טרעט באלד צוריק, דורכגעווייקט פון קאפ ביז פיס, עס האט געפלאצט נעבן דעם קראן און מען קען עס אפילו נישט פארמאכן עס זאל אויפהערן שפריצן! א צווייטער דעקט זיך איבער מיט א

**א צווייטער דעקט זיך איבער מיט א שטיקל פלאסטיק עס זעט אויס שיריים פון א שלאק, אבער דער שטראם איז אזוי שטארק אז ער טרעט איין באלד צוריק.**

שטיקל פלאסטיק עס זעט אויס שיריים פון א שלאק, אבער דער שטראם איז אזוי שטארק אז ער טרעט אויף באלד צוריק, ער שאקלט אפ פון זיך דעם דורכגעווייקטן שלאק, אנשפריצנדיג אלעמען ארום.

איך פארביר נישט צו טראכטן וואס ס'גייט פאר אין סוכה, איך קען במילא גארנישט טון, ענדליך איז איינגעפאלן פאר א אויבער חכם צו אפשפארן די וואסער פון דעם גאנצן גאס, וועט אויפהערן צו שפריצן וועט מען קענען כאטש פארמאכן דעם צופלאצטן רער אויף ביז נאך יום טוב, יונגעלייט זענען טאקע צוגעגאנגען און עס פארמאכט, ענדליך האט אויפגעהערט שפריצן, אלא האבן אפגעאטעמט אבער יעצט איז אויך נישטא קיין וואסער... צום סוף האבן זיי ברוך השם צוגעטראפן דעם קראן פון די צופלאצטע רער און אפגעשפארט נאר די שטאק, ש'כח אייבערשטער אז יעצט קען מען שוין עפענען די הויפט רער און אונז האבן וואסער!

די שכנים פון די אונטערשטע שטאק זענען געבליבן אן וואסער ביז נאך יום טוב ווען מען וועט עס קענען פאררעכטן, די מענטשן אין גאס זענען זיך צוגאנגען, און איך האב נישט געהאט קיין כח צו טראכטן פון גיין אויפרוימען די נאסע סוכה... קלאפערייען אין טיר האט מיר אויפגעוועקט פון די געדאנקען, די קינדער זענען צוגעלאפן עפענען...

“מאמי! ראזענפעלד פרעגט אויב מיר קענען זיי אנפילן פלעשער מיט וואסער...”

“זיכער! זיי האבן דאך נישט קיין וואסער!”

אונזערע שכנים האבן צאמגעשלעפט אלע ליידיגע פלעשער פון הויז, און איך האב זיי אנגעפילט וויפל איך האב געקענט. “זאגט פאר ענקער מאמע אז אויב ענק דארפן נאך, קענען ענק קומען בעטן...”

יעצט האב איך שוין נישט קיין תירוצים, איך גיי אריין אין סוכה און איך הייב אויף א דורכגעווייקטע דעקע, איין מינוט... עס איז נישט קיין שאלה פון סחיטה? וואו זאל איך עס לייגן? און אזוי אינמיטן דעם דערינען הערט זיך א פייערליכע ‘גוט יום טוב גוט יום טוב’ די מענער קומען אהיים, פריילך און גוטמוטיג פון שול... זיי האבן פארפאסט דעם גאנצן דראמא וואס האט זיך דא אפגעשפילט...

שיינדעלע און רבקה'לע הייבן אן צו רעדן אויף איין מאל, שלמה'לע און נתי'לע זאגן זיי “מיר האבן שוין געהערט אין גאס פון די שכנים”, איך ווייס שוין נישט אויף וועלכע וועלט איך בין, איך בין נישט פריילך, נישט לוסטיג, האלב נאס, האלב טרוקן, איך זע שטערנ'ס, שטערנ'ס אויף די ווענט פון די סוכה, שטערנ'ס אנטקעגן די אויגן... קענסט מיר זאגן ווי אזוי מען גייט דא פראווען א יום טוב'דיגע סעודה???

צום סוף האט מען געגעסן די סעודה אין סוכה, איך געדענק שוין נישט ווי אזוי, איך געדענק נאר אז ווען די מענער האבן געזונגען ושמחת בחגך האט זיך מיר עס צושפילט אין שארפן קאנטראסט צו די נעכטיגע סעודה. אהא... נאר ווען עס גייט לויט ווי איך וויל קען מען זיין פריילך???? פארוואס קען איך נישט זיין פריילך אין יעדן מצב, וויסן אז דאס איז יעצט וואס דער אייבערשטער וויל, און אז דער אייבערשטער האט אונז געהייסן זיין פריילך, קען מען דאס זיכער באוויזן, אפילו אינמיטן ווען אלעס ווערט נאס און שמוציג.

הייליגער באשעפער! דו האסט אונז געזאגט ושמחת בחגך... דעמאלט מוז זיין אז מען קען זיין פריילך אלעמאל... העלף אונז טאטע זיסער איך זאל טאקע זיין פריילך וואו איך בין, ווי אזוי ס'איז, און וואס ס'זאל נאר זיין... הייליגער באשעפער! אז איך גיב זיך איבער אין דיינע הענט, דעמאלט איז מיר אלעמאל גוט און פריילך אויפן הארץ!




DYNAGRAFIK 845.352.1266
Delicate Rose
FINE LINGERIE
LIBERTY, NY | 347.693.7915
OPEN ALL YEAR ROUND
CALL FOR SUNDAY AND
EVENING APPOINTMENTS
CERTIFIED
KAYE LARCKY
FITTER
ABERGELE VA BIEN YOU FITFULLY YOURS GEMSLI KAYE LARCKY


Deadline to advertise Sunday 12:00 PM
קלאסיפיידס


מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר
מו"ה הלל ווייס הי"ו
וזוגתו שרה רבקה תחי'
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען
אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער
געזונטערהייט.
מזל טוב!


HURLEYVILLE
LEASING
STAY UP ALL NIGHT...
WITH 2024 NEXT-GEN CHEVY TRAVERSE
SELF DRIVE TECHNOLOGIES.
845-720-0041 SALES@HURLEYVILLELEASING.COM WWW.HURLEYVILLELEASING.COM


Get care at home.
TELEHEALTH VISITS
WHEN A PHONE CALL IS ENOUGH
We accept most insurance plans
PRESCRIPTION REFILLS
STREP CULTURES
FLU & COVID/ RSV TESTING
SEASONAL ALLERGIES
EAR EXAMS
RASHES/ PINK EYE
URINE CULTURES
LAB-WORK
Medease
CARE AT HOME
718.208.2030
Sun: 12pm-6pm | Mon-Thurs: 3pm-10pm
info@medease.care | medease.care
SERVICING BROOKLYN & CATSKILL AREAS




א פרייליכן
יום טוב אלע
חשוב'ע בלעטל
קינדער!



א הערליכע שטערן
בית פיגא ארטיקל




איך זיץ מיר אין מיין סוכה'לע
קליין און שיין

# מעשה'לעך פַאר קינדעלעך

## זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן ד' מִינִים, מִיר הָאבְּן אַן אֶתְרוֹג, אַ לוּלָב, הֲדַסִים אוּן עֲרָבוֹת; מִיר דַארְפְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז מִיר קֶענֶען מְקַיֵים זַיין דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קִינְדֶער, וֶוער ווִיל הֶערְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַן אֶתְרוֹג דִי יָאר וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֶתְרוֹגִים? קִינְדֶער אִיר זֶענְט גְרֵייט?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁנַת תק"ע, אַ יָאר פַאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס הִסְתַּלְקוּת, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע קְרֶענְק אוֹיף דִי לוּנְגֶען הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

יֶענֶע יָאר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֶתְרוֹגִים, אִין דִי גַאנְצֶע גֶעגְנְט אִיז נִישְׁטָא קַיין אֶתְרוֹגִים, דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאזָארְגְט וָואס וֶועט זַיין, עֶס וֶוערְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אוּן עֶס אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁטָא קַיין אֵיין אֶתְרוֹג אִין דִי גַאנְצֶע גֶעגְנְט; וואוּ מֶען גֵייט הֶערְט מֶען מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵייטְן: "וָואס וֶועט זַיין? נִישְׁטָא קַיין אֶתְרוֹגִים! אוֹי וֵויי, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן ד' מִינִים, וָואס וֶועט זַיין?!" אַלֶע הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ נֵס עֶס זָאל זַיין אֶתְרוֹגִים, אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס, עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אֶתְרוֹגִים; מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעפְרֵיידְט, מֶען הָאט בַּאצָאלְט אַסַאךְ גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אַן אֶתְרוֹג.

אוֹיךְ פַארְ'ן רֶבִּי'ן הָאט מֶען גֶעבְּרֶענְגְט גָאר אַ שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען מוּזִיק, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְט אוּן גֶעשְׁפְּרִינְגֶען פַאר שִׂמְחָה אוֹיף דִי נֵס אַז מֶען הָאט דִי ד' מִינִים. פַאר גַאנְצֶע דְרֵיי טֶעג הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גוּט גֶעשְׁפִּירְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט דִי יְסוּרִים פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע קְרֶענְק; דִי שִׂמְחָה אַז עֶס אִיז דָא אַן אֶתְרוֹג - הָאט אִים גֶעמַאכְט פַארְגֶעסְן אַלֶע יְסוּרִים.



שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי ד׳ מִינִים!

# קליין און שיין



בית פייגא ירושלים



מנדי רוטמאן



ליפא און גיטי זאבעל



רייזי איידליס

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



אליעזר שלמה בוים



בית פיגא קרית ברסלב 5'טע קלאס



חי' יאקאבאוויטש



נפתלי און מרדכי העסקעל



יואליש שמן



חי' כץ



אסתי יאקאבאוויטש

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**

# אמונה

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

ערב ראש השנה זאל מען געבן א פדיון

## ברסלב'ע חידות

**ווען מיר זיצן אין די סוכה זיצן מיר אונטער די שאטן**

א. פון די סוכה
ב. פון א בוים
ג. פונעם אייבערשטן
ד. פון די לולב

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

חידה: דער רבי האט געזאגט: ראש השנה דארף מען
1. וויינען 2. זיין פרייליך 3. נישט רעדן איבעריג
4. טראכטן נאר גוט

## געב א שמייכל

**פארוואס עסן די כינעזער סושי?**

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות נצרכים

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**כב. הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה לָאָדָם.**

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת, פַּארְלִירְט עֶר זַיין אֱמוּנָה, אוּן עֶס קוּמְט אַרַיין אִין אִים כְּפִירָה.



# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**אה... שכח אייבערשטער מ'גייט**
**שוין שאקלען ד' מינים!**





## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מ | כ | ד | כ | ל | ה | ט | נ |
| ד | י | י | נ | ע | ז | ר | ג |
| מ | ב | נ | ט | ת | ס | ד | ע |
| ע | ו | ר | י | א | ו | ס | ב |
| ד | י | ז | י | מ | נ | צ | ט |
| ז | ו | כ | ה | ד | ע | צ | ט |
| מ | ד | ג | כ | י | ד | ס | צ |
| ל | ד | י | ה | ה | י | מ | פ |
| ב | ל | י | ז | י | צ | י | ק |
| כ | ו | ה | ג | י | ט | נ | ו |
| ר | כ | ח | ח | ל | ק | י | י |
| ש | ד | מ | פ | י | י | מ | פ |
| ס | ח | ש | פ | ג | ט | י | נ |
| פ | ת | ל | א | ע | ו | י | נ |
| פ | ת | ג | ר | ק | י | נ | צ |
| ס | צ | נ | ח | ז | ל | פ | ר |
| ש | כ | ק | י | נ | ד | ע | ר |
| פ | ד | ז | ו | ע | א | ו | נ |
| ד | פ | א | ר | ת | ז | כ | ב |

גיי קויפן ד' מינים; קויף פאר דיר און פאר דיינע קינדער, און טאנץ פאר שמחה אז דו גייסט זוכה זיין שאקלען די הייליגע ד' מינים.

*(עצתו אמונה סוכות תשפ"ד)*







געגעבן מיט רשות פון 'ציר ברסלב'

בית פיגא

# א הערליכע שטערן

ש. טראכטער



שוין לאנג וואס איך וויל מאכן א שטערן אויף סוכות. זייענדיג אבער די עלטסטע פון א משפחה פון אכט קינדער בלע"ה, האבן מיר מיינע געשוויסטער כסדר געטון "שטערן" פון מאכן מיין "שטערן"...

דעם זומער איז מיר בייגעפאלן אז אפשר אין די צייט וואס מיין טאטע וועט זיין אין אומאן מיט פיר פון מיינע ברודער וועט אפשר די הויז ווערן רואיגער און דאן וועט זיין א גוטע צייט צו מאכן די שטערן.

מיין מאמע האט מיר צוגעשטופט דערצו, און אזוי האב איך זיך געטראפן איין נאכט, נאכ'ן אויפרוימען די קאך און צוהעלפן מיט די וועש, אויסשפרייטן די שיינע שטערן פאפיר און א הויפן פון גלאנציגע קאלירן, איינע העכער די אנדערע.

איך האב גרונטליך געליינט די אנווייזונגען און אויסגעפאלגט אלעס קלאר. איך האב געוואוסט אז איין קליינע טעות יעצט, קען זיין אסאך עגמת נפש שפעטער.

יעדע פאפיר האט געדארפט געשניטן ווערן לויט א פונקטליכע מאס און איך האב דאס אזוי געטון.

דערנאך האב איך איינגעבויגן יעדע פאפיר אין האלב און דערנאך נאכאמאל. איך האב אנגעצייכענט די פונקטליכע "פעטערן" און עס באפעסטיגט מיט קליפס.

«

ווען אלעס איז געווען גרייט האב איך שטייטלעך אנגעהויבן שניידן. איך האב האב געבעטן דעם אייבערשטן נישט צו מאכן א טעות, פראבירנדיג צו זיין זייער פארזיכטיג און נאכגיין די אנווייזונגען פונקטליך.

מיין פינף יעריגע שוועסטער חי'לע איז געשטאנען נעבן מיר און נאכגעקוקט מיט אינטערעס וואס איך טו. זי האט נאך קיינמאל נישט געזען ווי מען מאכט א שטערן...

פלוצלינג געבט זי מיר א פרעג, "אסתי, איך פארשטיי נישט. פארוואס שניידסטו אוועק אזויפיל פון די זילבערנע פאפיר, עס איז אזוי שיין.

און פארוואס צוקנייטשסטו אלע פאפירן? און אויך... פארוואס שניידסטו אזוי נישט גראד ביי די סוף פון יעדע פאפיר? איך פארשטיי נישט..."

איך האב איר געדולדיג פראבירט צו מסביר זיין אז אזוי קומט אויס א שיינע שטערן, דוקא ווען מען קנייטשט און מען בייגט און מען שניידט דא און דארט, צום סוף, וועט מען עפענען די גאנצע זאך און עס וועט זיך אנטפלעקן א הערליכע שטערן.

"אבער וויאזוי ווייסטו פונקטליך וואס צו טון?" האט זיך חי'לע געוואונדערט.

"איך ווייס טאקע נישט." האב איך איר מסביר געווען, "אבער דערפאר איז געקומען א צעטל מיט אנווייזונגען, און אז איך וועל עס אויספאלגן פונקטליך וועט עס בעז"ה ארויסקומען זייער שיין."

חי'לע האט צוגעשאקלט מיט איר קאפ און איז געגאנגען צו אירע חבר'טעס. איך ווייס נישט וויפיל איר יונגע מח האט פארשטאנען וואס איך האב איר געזאגט, אבער איך האב זיך געטראפן טראכטן בשעת איך האב געשניטן די פאפירן.



מיין מח איז צוריקגעלאפן צו די נישט ווייטע פארגאנגענהייט, ווען מיין מאמע האט מיר פארגעהאלטן פאר א זאך וואס האט געפאדערט מער דרך ארץ און א צווייטע מאל אויף מער אחריות.

עס האט מיר זייער נישט געשמעקט, און איך האב אביסל אנגעהויבן בלאזן

אויך איז מיר אויפגעשווימען אין זכרון פאראיאר אינמיטן ווינטער ווען מיין לערערין האט מיר ארויסגערופן און מיר אויפגעמערקט אז איך זאל זען אריינצונעמען אלע חבר'טעס ביי די שפיל פון ריסעס.

איך בין דאן געווען אביסל ברוגז און געטראכט, "פארוואס זאגט מיר יעדער וואס צו טון?" עס האט מיר נישט געשמעקט, אבער יעצט צווישן די פאפירן און אנווייזונגען האב איך איינגעזען עפעס וואס איך האב ביז יעצט נישט געוואלט פארשטיין.

כדאי א שטערן זאל אויסקומען שיין, דארף מען צוערשט איינבייגן די פאפירן און אויספאלגן די אנווייזונגען, אפילו איך פארשטיי נישט פארוואס מען דארף שניידן דא, און בייגן דארט.... אבער אז מען פאלגט קומט ארויס א שיינע נוי סוכה, וואס וועט באשיינען אונזער סוכה פאר יארן...

אזוי אויך אין לעבן. כדאי איך זאל ארויסקומען א ערליכע ווארילע און גוטע בת ישראל, דארף איך זיך איינבייגן און אויסהערן. איך דארף האבן הכנעה צו מיינע עלטערן און מחנכים, צו ערליכע אידן און צדיקים און הערן וואס זיי זאגן און אויספאלגן אלע אנווייזונגען אפילו איך פארשטיי עס (נאכ)נישט!

ווייל אויב מען איז קלוגער פון די אנווייזונגען און פון די וואס ווייסן, קען מען חס ושלום פארפאטשקענען זאכן וואס זענען זייער שווער שפעטער צו פארריכטן.

שטעל זיך פאר אז דו גייסט אין גאס און פלוצלינג הערסטו ווי א מענטש פון דריטן שטאק שרייט צו דיר, "מיידעלע, היט זיך וואו דו גייסט... גיי נישט אריין אין יענע גאס, עס איז דא דארט א ווילדע הינט. עס איז א סכנה..."

וואלסטו ווען געטראכט, 'נארישקייטן, ער ווייסט נישט וואס ער רעדט... איך זע נישט קיין הינט...'?

געוויס נישט.

א קלוג קינד פארשטייט, "דארט גיי איך נישט, דער מענטש איז העכער ווי מיר און ער זעט ווייטער, און אז ער זאגט מיר עס איז א סכנה, וועל איך דארט נישט גיין, איך דארף זיך היטן מיין לעבן, איך נעם נישט די איינשטעל..."

שכח אייבערשטער אז מיר האבן די זכי' צו לעבן מיט ערליכע עלטערן וואס פאלגן צדיקים און ערליכע אידן.

איך וויל פאלגן, איך וויל הערן, און איך וויל זיך פארריכטן. אפילו נישט אלעמאל פארשטיי איך עס און אפילו צומאל איז מיר נישט אזוי אנגענעם, דאך פארשטיי איך אז פון פאלגן דערלייגט מען נישט, און אז מען פאלגט אויס אנווייזונגען קומט סוף סוף ארויס א שיינע זאך!

# געשעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



גרויסע חלוקה ביי רבי ישעי'לעס סענטער אין שטעטל




דער ראש ישיבה באזוכט ביי רבי ישי'לעס סענטער



מען גיסט די כלים מקוה אין שטעטל



דער ראש ישיבה שליט"א ביים שפאצירן אויפן נייעם שארטקאט ביים האשקי גאס אין שטעטל



דער ראש ישיבה שליט"א איז זיך משתתף ביים חתונה
פון אן אייניקל פון הרב דניאל בוים שליט"א



דער ראש ישיבה שליט"א בלאזט שופר ביים מנין
שחרית אין ישיבה אין שטעטל



מען לייגט צוריק די מזוזה ביי די אפיס
פונעם ראש ישיבה שליט"א



די קינדער לערנען פלייסיג אין די פארטאגס שעות אין שטעטל



א' סליחות אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק



א' סליחות אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים



א' סליחות אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים אין שטעטל



א' סליחות אין ביהמ"ד היכל הקודש וויליאמסבורג



דער ראש ישיבה שליט"א דאווענט שחרית אינעם עירפארט אין פוילן




דער ראש ישיבה שליט"א דאווענט מעריב אין עירפארט אין ניו יארק אויפן וועג צו אומאן




דער ראש ישיבה שליט"א אויפן וועג קיין ליזענסק




דער ראש ישיבה שליט"א לערענט פאר דעם דף גמרא



דער ראש ישיבה שליט"א ביים גרעניץ פון פוילן קיין אוקריינא



דער ראש ישיבה שליט"א דאווענט שחרית אין מעזיבוז



דער ראש ישיבה שליט"א ביים ציון פון בעש"ט



דער ראש ישיבה שליט"א ביים ציון פון רבי נתן



דער ראש ישיבה שליט"א מיט די אינגעלייט ביים מסדר זיין דעם אוהל הרחבת הדעת




די מקוה אין אומאן שיין צוגעגרייט







העפטיגע צוגרייטונגען אינעם קאך אין אומאן צו ענטפאנגן די פילע געסט



וואכנאכט ביי מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו ביים בנין אין אומאן



דער ראש ישיבה שליט"א ביים וואונטשן מזל טוב פאר מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו פארן ברית





ברית לייו פון הילד אשר נ"י בן מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו - ערב ראש השנה תשפ"ה



אנשי שלומינו לערנען שיעורים כסדרן אויף די וועגן קיין אומאן



אנשי שלומינו אויפן וועג קיין אומאן



דער ראש ישיבה שליט"א ביי קריאת התורה



דער ראש ישיבה שליט"א מיט די ארויסגעבערס
פונעם גליון 'שיעורי חינוך'



אנשי שלומינו דאווענען אויפן וועג



דער ראש ישיבה שליט"א ביים מקבל פנים זיין דעם מנהל
המוסדות פון ארץ ישראל מו"ה ר' יצחק פאפענהיים



שחרית מיטן ראש ישיבה שליט"א
אינעם בנין אין אומאן





סליחות ליל זכור ברית אין אומאן





דער ראש ישיבה שליט"א ביים מאכן התרת נדרים - ערב ראש השנה תשפ"ה



דער דיין שליט"א ביים מאכן התרת נדרים



דער ראש ישיבה שליט"א ביים מאכן עירוב תבשילין




דף שיעור אין אומאן




פדיון נפש ביים ראש ישיבה שליט"א




מו"ה שבתי מזרחי הי"ו באקוקט זיין ספר תורה געשריבן דורך מו"ה יצחק שמואל פרענקל הי"ו פאר די קהילה




דער ראש ישיבה שליט"א ביים איבערגעבן א מתנה פארן געווינער פון די אנשי חיל גורל אין ארץ ישראל







תלמוד תורה אין אומאן מיט די געטרייע מלמדים און דער ראש ישיבה שליט"א





די קינדער פון תלמוד תורה אויפן וועג צום ציון





הפצה אין אומאן









אנשי שלומינו אויפן וועג צום באן





אנשי שלומינו אויף די וועגן





אנשי שלומינו ביים ווארטן פאר די פעקלעך אין פוילן





**אנשי שלומינו פון ארץ ישראל אינעם עירפארט אין ראמעניע**





**אנשי שלומינו פון ארץ ישראלווארטן צו אריבער גיין דעם גרעניץ פון ראמעניע**





**תפילת מעריב מוצאי צום גדלי'ביים גרעניץ**






**פיבערהאפטיגע אקטיוויטעטן ביים בית התבשיל לכבוד יום טוב**

קרעדיט: נפתלי זאבעל, משה איינהארן, אייזיק ראטה, איציק מענדלאוויטש, לייבי ראטה, מרדכי ראזענפעלד, יוסי פרערויא, משה ראזענבערג, אברהם אלי' פריעדריך

B"H

Shop easily




shop.breslevcenter.com

IDEA. 845776966






*sruliHeskel